עס איז אויך ווערט דא אנצואווייזן אויף די אינטערעסאנטע זכרונות וואס ער שרייבט פון צייט צו צייט אינם זשורנאל „לשון און לעבן“ איבער דעם אמאליקן לעבן אין יידישן ווייטשעפל, דערמאנענדיק אלט שוין פאר־געסענע נעמען. טיילמאל פארבינדט ער זיינע ווייטשעפלער זכרונות מיטן יידישן שטעטל, פונוואנען ער איז אהערגעקומען.

ער געדענקט נאר גוט דאס יידיש־ברויזנדיקע לאנדאן־ווייטשעפל פון אריבער זיבעציק יאר צוריק, באשרייבנדיק די, וועלכע זענען דא געווען אקטיוו און באקאנט אין דער יידישער געזעלשאפט און אויך יענע, וואס האבן געשפילט א באדייטנדיקע ראלע אין ציוניסטישן לעבן. ער אליין איז אויך תמיד געווען פארבונדן מיטן היגן יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן — איינער פון די ציוניסטישע וועטעראנען. דערפאר טאקע זענען אים באקאנט די אלע „פני“ פון היינט און פון וועמען זיי שטאמען.

נו, ווי קאן מען אנדערש זאגן אויף אזא ייד ווי ר׳ חיים נח? ער איז באמת א כל־בו — מיט אלע מעלות און עס איז א נחת רוח מיט אים צו פארברענגען; איבערהויפט דעמלט, ווען ער נעמט דערציילן פון דעם פאר־גאנגענעם יידישן ווייטשעפל. איין שאד בלויז, אז ווען ער קומט איצט אמאל קיין ווייטשעפל, פונוואנען דאס ברויזנדיקע יידיש־לעבן איז פארשוואונדן, איז אלץ גאר אזוי אנדערש געווארן. ער דערקאנט עס גארנישט מער. ער פילט זיך דא עפעס אזוי פרעמד און עס בענקט זיך אים נאך די קליינע, שמאלע יידישע געסעלעך, וואו מ׳האט זיך געקאנט מיט די הענט אריבער־גרייכן און אפגעבן שלום עליכם . . .

איצט אפאר שטריכן וועגן זיין פריוואטן לעבן. איך בין נישט קיין מומחה דאס ברייט צו באהאנדלען, אבער — ווי זאגט מען? — א גאסט אויף א וויל זעט אויף א מייל. איך באוואונדער טאקע די זעלטענע ווארעמע באצי־אונג פון זיינע קינדער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך און אלע צוגעהעריקע צו אים. עס איז אין־לשער . . בלויז אזעלכעס צו דערלעבן לוינט זיך שוין צו ווערן א נײַנציק־יאריקער בעל־יובל!. . .

אחוץ דעם אלעם, האט ער סתם גוטע פריינט, מיט וועלכע ער לעבט זיך אויס אי גייסטיק אי פריוואט. ספעציעל איז ווערט צו דערמאנען די פריינט־שאפט זיינע מיט פרוי גייפמאן, וואס איז אן אייגענע אין דער פאמיליע. הגם זי וואוינט אין א געגנט ווייט פון אים, זעען זיי זיך כמעט יעדן טאג און גייען צוזאמען אויף מיטינגען, לעקטשורס און צו פריינט. אן איר וואלט עס אים געווען אוממעגלעך צו טון. די פאמיליע זיינע פארשטייט עס און ווייסט ווי דאס צו שעצן. ווי שוין געזאגט מען האלט זי פאר אן אייגענע אין דער משפחה.

איז ווי מען זאגט עד־כאן — גענוג. אלעס אנדערע לאז איך איבער פאר די, וואס זענען באקאנט מיט אים א שפאר ביסל לענגער. דערפאר וויל איך פארענדיקן מיין אפשאצונג מיט די בעסטע ברכות פאר אים, ווינטשנדיק אים א גוט געזונט, נחת און אלדאס גוטס. זאל ער ווייטער אנגיין מיט זיין גייסטיקער טעטיקייט עד מאה ועשרים שנה!



# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

4־5 (העפט 12־411) 34־סטער יאר אפריל־מאי 1973 לאנדאן


אינהאלט:


19׳טער אפריל, צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, יום העצמאות טאנץ, א.א. *** 3
דערצייל מיין פריינד ... אסתר ערליכמאן 12
ווארשעווער געטא־אויפשטאנד (ליד) ... פייגע בערמאנט 13
צום 30׳סטן יארטאג פון דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא מאיר באגדאנסקי 14
פסח מיט די חיילים (זכרונות) ... יוסף ווײַנשטיין 19
ישראל, א בלעטל פון א לוח (לידער) ... עלא זילבערג 23
חרות־פסח (ליד) ... אייזיק גאלדבערג 24
בנימין נייבערגער דער „דאזאר אויף א געלעכטער“ (פון דער סעריע טיפן פון מיין שטעטל זאקראשין) ... יעקב דזשערגאווסקי 25
דער ווארשעווער געטא שטארבט (ליד) ... ש. וויגאדסקי 26
לכבוד ישראלס 25׳סטער יום העצמאות (ליד) ... דוד בערמאן 27
דער שורש (המשך), פרילינג־לידער, ... א. נ. שטענצל 27
ר׳ יעקב קאפל גאלדבלום ז״ל, ... ה. נ. בענקוויטש 37
מיר האבן זיך באגעגנט א דאנק דעם ענגלישן זומער, ... יוסף וו. פ. סטאפעלמאן 40
לעא קעניג (בילד) ... קלארא קלינגהאפער 43
כאטש דערמאנען זייערע נעמען ... ש. 46
געשטארבן דער לעצטער בעל תפילה, א תפילה (לידער) ... דוד איינהארן 46
דער איינציקער (ליד) ... יעקב פרידמאן 47
אברהם פלאנצט אן איישלבוים (פאעמע) ... אפרים אויערבאך 47
לאנדאנער קולטור ידיעות


**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס. יעדן שבת 3 א זייגער אין בערנארט באראן סעטלמענט הענריקעס סטר. א.1, איינטריט פריי.**


רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

**אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר**

**מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־**

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

# לאנדאנער קולטור - ידיעות

ווי יעדעס יאר איז די הזכרה פון וואר־שעווער געטא־אויפשטאנד געמאכט געווארן אין אדלער־האל פון „פריינט פון יידיש לשון“, „בונד“ און רידינג רום דעם 19־טן אפריל. אחרון של פסח איז אין אלע שולן און סינאגאגעס געווען אן הזכרה נאך די זעקס מיליאן קדושים. די גרויסע פייע־רונג פונם געטא־אויפשטאנד איז פארגע־קומען זונטאג, כ״ז ניסן.

דער גוט־באקאנטער זינגער לארענץ און דער באקאנטער באוואוסטער אקטיאר יידל גאלדבערג האבן געזינגען און רעציטירט, דער באקאנטער חזן האט געמאכט די הזכרה.

ביי די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכ־מיטאגס“ האט מאיר באגדאנסקי גערעדט איבערן קדוש ארטור זיגלבוים.

האיאר, צו דער 58סטער יארצייט נאך י. ל. פרץ האט מען ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ געלייענט פון זיינע ווערק ווי אלעמאל און גערעדט איבער זיין שאפן האט קאמיל האניג.

סעם לעף האט געהאלטן א רעפעראט ביי „די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ איבער וולאדימיר מעדעם צו דער 50סטער יארצייט פון אט דעם פירער פון „בונד“.

סעם דרין, וואס איז צוגאסט דא אין לאנדאן, האט גערעדט ביי „די ליטעראַ־רישע שבת־נאכמיטאגס“ צום 100סטן גע־בורטסטאג פון רודאלף ראקער איבער זיין אנארכיזם און קולטור־טעטיקייט דא אין ווייטשעפל.

דער בארימטער אקטיאר מאיר צעלניקער ווערט פינף און זיבעציק יאר אלט דעם קומענדיקן חודש. מיר ווינטשן אים נאך אסך געזונטע יארן צוזאמען מיט זיין ליבער פרוי און זיין טאכטער, די באגאבטע אק־טריסע חנהלע צעלניקער, און זיין גאנצער משפחה.

אונטער דער רעדאקציע פון י. ח. קלינ־גער איז דערשינען א „יובל־העפט“ לכבוד דעם 80סטן געבורטסטאג פון יוסף לעפט־וויטש.

די לאנדאנער יידישע טעאטער־גרופע, אונטער דער אנפירונג פון הארי אריאל, האט לעצטנס געשפילט מיט גרויס דער־פאלג אין בארנמאוטה.

ביי דער אויסשטעלונג פון יוניאן־פענער אין דער ווייטשעפל־ארט־גאלערי געפינען זיך אויך צוויי יידישע פענער: פון דער הויזן־שניידער יוניאן און פון בעקער יוניאן.

קומענדיקן חודש פארט דער שרייבער י. א. ליסקי אויף א נסיעה קיין מדינת ישראל.

צו די שלושים פון דוד איינהארן האט מען ביי „די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס“ געלייענט פון זיינע לידער און גערעדט איבער זיין שאפן.

„פריינט פון יידיש־לשון“, אין פארבינ־דונג מיט פארשידענע אינסטיטוציעס און פארזאמלונגען אין פארשידענע געגנטן פון לאנדאן, הייבט אן דעם חודש א סעריע רעפעראטן און פארלעזונגען.

אין לאנדאן ווערן איצט אפגעהאלטן פינף אויסשטעלונגען פון די ווערק פון ישראל־מאלער, צווישן זיי די ווערק פון דעם גאר באקאנטן קינסטלער מרדכי ארדון. מסתם האבן אט די אויסשטעלונגען שייכות מיט די 25 יאר מדינת־ישראל.

דער קולטור־אטאשע ביי דער ישראל־אמבאסאדע, מר. תמוז, האט געהאלטן א רעפעראט אין דער בן־אורי גאלעריע איבער די ישראל־מאלער און זייערע שאפונגען.

ראביי ליפע בוים פירט אן מיט א יידיש־קלאס אין דער וואודסייד סינאגאגע, איינ־געארדנט פון דער „עדאלט־עדיוקיישאן קא־מיטי“ פון דער „יונייטעד סינאגאג“. זיין לערנען איז מיט דערפאלג אונטער דער לאזונג: „ואל יאבד יידיש“.

דער שרייבער י. ח. קלינגער פארט די טעג אויף א נסיעה קיין ישראל אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי.

אין דער קלעפטאן סינאגאג ביי ישראל־פייערונג זיינען אויפגעטרעטן מיט געזאנג און רעציטאציעס דער בארימטער אקטיאר מאיר צעלניקער און די שוישפילערין און זינגערין חנהלע צעלניקער.

דר. יעקב י. מיטליס, דער שרייבער און ליטעראטור־פארשער איז געווארן פארבעטן פונעם אוניווערסיטעט אין קעלן, צו האלטן צוויי רעפעראטן, וואס איינער פון זיי פאר־נעמט זיך מיט זיין פארש־ארבעט אויפן געביט פון דער אלט־יידישער ליטעראטור.

א וויסנשאפטליכע ארבעט אויף העב־רעאיש, וואס דר. מייטליס האט נישט לאנג פארענדיקט, ווערט ארויסגעגעבן פון דער אקדמיה למדעים ביים ירושלימער אוני־ווערסיטעט.

מזל-טוב צו מיין פלימעניק נחום און מרתא שטענצל צום ערשטן איניקל ענדרו יונה סיימאן בעקער, דאס ערשטע קינד פון ראי און מרים.

צו דער 18'טער יארצייט פון יוסף הלל לעווי האט מען זיך צוזאמענגעטראפן אין הויז פון מרים לעווי, די אלמנה פונם פאעט.

* * *

# לשון און לעבן

4־5 (העפט 12־411) 34־סטער יאר אפריל־מאי 1973 לאנדאן

## 19־טער אפריל

„. . על ראש שמחתי“

אלע יאר אין דעם חודש,
ווען דיביימער נעמען צוויטן,
פאר מיינע אויגן — אוישוויץ!
פאלק מיינס, אז אזוינס געליטן —

אש־פארברענט, שטויב־צעריבן,
מיסט אויף פעלדער צו צעשיטן.

אלע יאר אין דעם חודש,
ווען די צווייגן נעמען בליען —
נישט מיט צעזונטע טויען
מיינע אויגן זיך פארציען —

מיט פונקלדיקע טרערן!
זידן און ווי פונקען גליען.

און אויב, ווי מאנכע טרייסטן,
— אז אמת ס'זאל זיין אפילו! —
מיט זייער קידוש־השם
געברענגט זיי האבן די גאולה —

א צער סנעמט ארום מיין הארץ
אינמיטן מיין הלל-תפילה.

נישט קיין בלויען הימל כ'זע
ווען אויף איך הייב מיינע אויגן —
מיט קרעמאטאריע־רויכן
איז ער וואלקן־גרוי פארצויגן;

אראפ פאלט די בשורה־טויב,
ווייס ווארקענדיק אנגעפלויגן.

אלע יאר אין דעם חודש,
ווען די הימלען נעמען בלויען,
פאר זעקס מיליאן מתים כ'וואש
ווייסע סובות אין די טויען.

בלוי־ווייס איז פאן יידישע,
דער הימנון געמישט מיט אויען.

### צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער—יו־ען—

ס'האבן די פעלקער שטיל צוגעקוקט
ווי א מלכות־זדון אונז פארלענדט,
זעקס מיליאן קאלט-בלוטיק געקוילעט,
אונז בארויבט, פארשעמט אונז און געשענדט.

די עוולה געוואלט פארגיטיקן!
אבער אצינד צו דער גוטער ענד — —
א שאד אייך דאך דער שעיר לעזאזל,
ארויסלאזן פון אייערע הענט.

משמעות ס׳ברויכט׳ן נאך אפנים,
זיידענע הענטשקע פאכע געבלענד!
מיט זיין בלוט שנעל צו פארלעשן,
פלאמיקע פאלק-צארנס איפגעברענט.

א, עס איז איצט נישט מער אין אייער
גוטן צי שלעכטן ווילן געווענדט;
ס׳האט דער שעיר לעזאזל שוין הערנער,
און קאן דאס זעלביקע וואס איר קענט.

אז נישט קיין מלחמה־שאלן מער,
זאל עס דאך אונז אלע זיין פארגענט,
און דערהערן פון זיינע הערנער
שופר־של־משיח שוין צו גוטער ענד.

## צוויי לידער

### א.

„ולקץ שנים יתחברו ובת מלך הנגב תבוא אל מלך הצפון לעשות משרים“
דניאל יא, ו.

אז א פאלק נאך צוויי טויזנט יאר גלות,
פריי און באפרייט און אויסגעלייזט ווערט,
איז אזא נס — וואונדער איבער וואונדער!—
שוין געהערט געווארן אויף גארער ערד?

געוואלטיקער גאר, נאך טויזנטער יאר,
נביאיש ווארט ווירקלעך ווערט און וואר.

זעט, ס׳ערשטע געשעט פאר אונזערע אויגן —
מוז מקוים ווערן אויך דאס צווייטע — —
צו קאן מען נאך אפשטופן לענגער דעם:
„אחרית הימים“ — „טעג לעצטע“, „ווייטע“?

ס׳איז „קץ“ דער טייטש געקומען איצט די צייט,
דער סוף פון מענטש, אדער גאנץ שוין באפרייט.

### ב.

. . ידיש איז טויט, מאמע ידיש געשטארבן —
כנענים! ישראלים! נישט מער קיין יידן;
יא, א פאלק ככל הגויים זיינען מיר,
אז וואס מיינט הען אמתער שלום, פרידן:

די מנוחה־צייט צווישן צוויי מלחמות,
פרישע כלים קאנען קאווען און שמידן:



א היפי צווישן די שענסטע היפיס שוין,
טאנצט א קאן־קאן די אלמנה בת־ציון!
„אל תסתכל בקנקן“, פרייט אייך נאך נישט,
די מאמע ידיש טוט זיך נאך מיען —

דער יידישער פונק אין יידישע הערצער,
נישט אויפהערן צו פלאמען און צו גליען.

## א קוויטל אויף די אומבאקאנטע קברים פון די זעקס מיליאן

ס׳איז שוין נישט „ככל הגוים“ — ס׳איז שוין מער!
אויב מען קאן הערן א יונגען ייד זאגן:
„זעקס מיליאן, זעקס מיליאן . . גענוג שוין דאס קלאגן,
אויב אן אייגן לאנד דערפאר איצט געקראגן“.

„גלות־ייד — א ווארעם! וואס איז ער דען ווער?
געציטערט א הינטל טאמער דערזעט׳ן,
מה־יפית געטאנצט ווען א גוי אים געטרעטן!
איין ביקס מער ווערט ווי אלע גאטס געבעטן.“

איך קוק אים גוט אן, אז ווער איז ער דען ער?
א יידישע נאז און יידישע אויגן,
פון לעצטן טראפ יידיש בלוט אויסגעזויגן,
די ברעמען פארצויגן — א פיילנבויגן!

כ׳קוק אים בייז אן א שמשון הגיבור אט דער?
אן די נביאים ווער ברויך אונז אינגאנצן!
יידן פארדייטשן, פאריאקן, פארפראנצן,
אין ירושלים וועלן „היפיס“ טאנצן.

יא, אויב אויסטוישן דאס ווארט גאט אויף געווער,
אויב נישט אקערס פון די כלי־זיין שמידן?
איז ווער ברויך עס אינגאנצן דאס פאלק יידן?
ווי דאס בלוט אין הארץ נעמט קאכן און זידן.

נישט נאך די קדושים אפגעווישט א טרער,
נאך אזעלכעס — אויב א סך איבער געבליבן!
ווי איז צו א פאלק געיאגט און געטריבן,
פעלד צו באמיסטיקן, אויף אש צעריבן.

אבער ווי שווער גלות זאל נישט זיין, ווי שווער
פון א ייד צו הערן אזעלכע ווערטער,
וואכעדיק ווערן די הייליקע ערטער — —
אויב דאס־א פון דער גאולה דער באגערטער —

ביים הלל ביי „אודך“, אז ווער ווייסט וואס דער,
א יידיש קינד אזוינס אצינד קאן טראכטן . .
אז ס׳אייגענע פאלק אזא אומגעבראכטן
קאן דערגנידריקן אזוי און מיאוס פאראכטן.

„שומו שמים“! ג אט צ באות, דאך הער!
אינם זכות פון די זעקס מיליאן הייליקע
די גאולה נישט זיין קיין צייטווייליקע,
אן אייביקע, אויף יארן אומציילקע.

אויב א ייד רעדט אזוי, מסתם פון באגער,
שטארק מיר זאלן זיין און קענען אויסהאלטן
דאס ערגסטע, שווערסטע, מיט כל־הגעוואלטן —
ניילאנד אויפגעטרוימט פון א פאלק אן אלטן —

ס׳איז שוין נישט ככל הגוים — ס׳איז שוין מער!
פאר אונז אליין א געפאר שוין מיר ווערן;
ג אט, חלילה, איצט ביי די אטאם־געווערן,
דעם „תמות נפשי עם פלישתים!“ דערהערן . .

## קבוץ-גליות

מלחמה פירן וואס פאר א זינען?
צי מיר פארלירן, צי מיר געווינען?
גרעסטן נצחון צומאל צו זיגן,
בלייבן דאך טויטע אויף שלאכט־פעלד ליגן.

אונזערע, צי אפילו זייערע,
קבוצים־קינדער, צי פון קייערע — — —
זאל דאך אויפהערן אכצן און אויען,
גרעסטן קבוץ אצינדער מיר בויען!

דעם קבוץ־גליות פון גאנצן ערד־קיילעך,
ווו זיין עס וועט, „יעדער ייד א מלך“,
א גאנצע וואך אקערן און פלאנצן,
שבת-אויבסט — א פרדס א גאנצן.

## „דאס איז די פראגע . .“

אז מיר האבנס דערפירט ביז צום לעצטן טראט,
און ביים אפענעם תהום שטיינגעבליבן,
האט דאך א יד־חזקה אונז געטריבן,



און א גוטע האנט אונז צוגויפגעקליבן — —
יא, דער גרויליך לאנגער גאנג געלוינט זיך האט!

וויפיל עניים געליטן, וויפיל שפאט,
א, אז דאס ווארט מקויים עס זאל ווערן,
געוואשן, געצוואגן אין וויפיל טרערן,
דאס נביאישע ווארט מ׳זאל עס דערהערן,
און ווי תהילימדיק, מיט וויפיל גענאד.

דעם וואונדער־וואנדער־שטעקן נאך אלץ אין מיין האנט,
ווי אין א פעלדזן געשטיין עס איין צו קריצן,
מיט בליקן, ווי מיט ברענענדיקע בליצן,
אז מענטש מענטש באהיטן זאל און באשיצן — —
ווי בלוטיק געטובלט ס׳„לא־תרצח“־געבאט.

א, ביזגעלע פונם קין־האטענטאט,
אין האנט די האק א צעגלאנצטע, געשארפטע,
און וויפיל הערצער פון צארנס פארשארפטע,
וויפיל דורות, גענויטיקט, געדארפטע,
שייטער־הויפן אויטאדאפע און שאפאט.

ס׳האט געפירט דער וועג פון און צוריק צו ג אט —
דער שלאד וואס מיט אונזער בלוט איז געצויגן!
אויף א האר, חלילה, נישט אפצונויגן,
וויפיל אויסגעגאנגען מיט פארגלייזטע אויגן,
מיטן איין און איינציקן ווארט — אחד.

א גאנץ פאלק ווינד-צעפליגלטער דאך־קיכאט,
מיט מאמעדיק ווארט אין לופט זיך געהאלטן,
אלץ אויסצוהאלטן מיט כל האגעוואלטן,
וועט דאך דעם ערד־קייל איצט נישט לאזן שפאלטן,
מיט אטאם־באמבע דער יידישער פילאט.

אז מיר האבן דערפירט ביז צום לעצטן טראט,
און ביים אפענעם תהום שטיינגעבליבן,
האט דאך א יד חזקה אונז געטריבן,
און א גוטע האנט אונז צונויפ געבליבן,
יא, דער גרויליך לאנגער גאנג געלוינט זיך האט.

## „דער אייביקער ייד“

טיף פארטראכט, שפיץ־בארד פארביסן צווישן די ציין,
רעדט ער צו זיך, רעדט ער צו וועם? האלט אין איין גיין.

פלוצלינג, מיט די אויגן צום הימל, בלייבט ער שטיין;
נאך וואס דער „הלוך־ילך" אן א זין און מיין ?

דעם סך־הכל מען מוז דאך אים מאכן אמאל :
אן גאט, וואס גארער וועלט, וואס א ישראל צומאל ?

צייטנדלדיקע רעדלעך פארביסן ראד אין ראד,
נולן נולן אן דעם ציפער איינס — דעם אחד !

די וועלט צו פארברענען, צו פארטשאדען מיטן אייל !
אן דעם „מעולם ועד עולם אתה א־ל".

טשעק-בוך ווערט די ביבל און טיוול אליין דו,
רענדל צום אפטוישן, זיך צו פארקייקלען וואו —

און פון אלע טראנסמיסיעס־מיסיעס איז דער טייטש —
אין האנט פון א היטלער־דייטש פאכנדיקע בייטש.

אז וואס איז דער מענטש אן דעם ליכטיקן „יהי אור"?
איינס ס'אנדערע איפפרעסנדיקער, כלחוך השור.

פון פלאמיקן דארן אין מדבר עס שוין געהערט,
און אויף אלע שייטערס איבער דער גארער ערד.

אהיים אין אייגענעם לאנד איך גיי איצט צוריק,
נישט אויף אייזערנער — אויף דער פאפירענער בריק !

דאס נביאישעווארט אויף הארץ מיט א דלאט,
אבער פירן פירט מיך א ליכטיקער פארשטאנד :

מכות ברענגט א שטעקן ! רייד, צומאל צו א שטיין,
אז נישט, טארסטו אין אייגענעם לאנד נישט גיין — — —

ווארט מוז ווערן ווארהאפטיק, ווי קוואל־וואסער ריין,
פון תחום־טיפן געפיל, פון העכסטן פארשטיין —

**נישט** בחינם איבער דער גארער ערד געשפאנט,
צוריק צוקערן אצינד אין אייגענעם לאנד.

## „דוד מלך ישראל חי וקיים"

די מלכה־שבת גייט סמוטנע אוועק,
אויף הימל שווארצע כמארעס זי יאגן,
יענע פינסטערע „כלבי דכסיפין" — —
גאט, וויאזוי דעם גלות דערטראגן ?



א, „על יד דוד מלכא, משיחא",
זיין למנצח בציבור צו זאגן —

ס'בית־מדרש פול שאקלדיקע שאטנס,
קוים צו דערקענען אייגענעם טאטן;
„אצבעות למלחמה !" ס'הילכט, ס'ניגונט,
א מחנה צעזונגענע סאלדאטן.

יריחו־מויערן ריגלען די יינגלעך —
ארום די הויכע מעלעמער־גראטן.

דאס געזאנג, דער מארשירנדיקער גאנג,
אט־באלד נעמען די שופרות שוין שאלן,
און די פעסטע יריחו־מויערן
פארן בלויז פחד אין זיי פאלן.

„ויתנו לך כתר־מלוכה"! !
פון פרייד די שערי־רחמים אויפפראלן.

די מאמעס ביי די פינסטערע פענסטער
קוקן שוין אויס די ערשטע דריי שטערן :
„גאט פון אברהם, יצחק און יעקב"
זייער געזאנג אויפגעשטראלטע טרערן.

אויף זייער פערד קומט משיח צו רייטן —
דאס טלאען-קלאפן סאיז שוין צו הערן —

„המבדיל בין ישראל לעמים" —
הבדלה־שטורקאצן נעמען פלאמען !
אזא צוואנציק־הונדערט יאריקער קריג,
אלע זיבעציק אומות צוזאמען.:

נישט גובר זיין דעם „גאט פון אברהם"!
און אז „זאמען ער טוט זיך פארזאמען" — — —

זע, אין דער ארימסטער, פינסטערסטער שטוב
עס טוט זיך אליהו באווייזן —
פאר אן עבד ער טוט זיך פארקויפן,
פון זיין קנעכטשאפט אין ייד צו דערלייזן.

טא וואס־זשע קאן שוין זיין זיכערער ווי
אויף דער פאפירענער בריק צו שפרייזן ?

דאס עקל פון לעצטן פישל שוין,
לעצטער כזית־חלה — שריים,

און ביזגל צום הימל דער דביקות־טאנץ:
„דוד מלך ישראל חי וקיים“!!

ווי ארום די מעלעמערס אמאל, איצט
ארום די הרי־ירושלים —

## „יום-העצמאות טאנץ“

— 25 יאר מדינת ישראל —

א יום-טוב היינט איבער ירושלים,
נישט קיין ראקעטס פאלן איבער דער שטאט,
טאנצנדיקע ריקודים שאלן די בערג,
כל־ישראל-קאראהאד — אזא הארא־ראד.

נישט קיין ברוגז־, קיין בויך־, קיין שווערד־טאנץ,
דער הימל ווייט און ברייט בלוי־אויסגעשפרייט,
אונטער חופה שטייט דער הר־המוריה
און די שכינה א מצווה־טענצל גייט.

פון איר געשוועב עס ציטערט פון לוסט די ערד;
ווער איז דער חתן? עם-ישראל חי!
ווי ס׳צאפלט דאס הארץ פון טאנצנדיקער פרייד,
אזוינס צו דערלעבן געוועזן כדאי.

אינמיטן טאנצט אריין דער הר־הצופים,
די זון — דער קידושין־בעכער אין דער האנט!
ששון ושמחה שוין, רויט־פארשניאשקט,
מאכט א ברכה איבערן גאנצן לאנד.

מיט כוס של אליהו שווימט דער כרמל,
ווי ער פינקלט, ווי ער שטראלט — ליכט איבערשוימט;
דער נביא, נישט מיט דער האק — מיטן שופר,
פון זיין מערה איילט ער, שאלט ער: נישט פארזוימט!

ווייטער, ברייטער, פארשייטער, אויסגעשפרייטער
ביז די גליל־בערג אהין העט־העט — —
דער הר־תבור, דער גלבוע טעט־א־טעט,
א מינועט־דועט — א טאנץ־געוועט.

טויזנט גלעקל־פייקלעך די זון איבער קעפ,
פון ראזשינקעס און מאנדלען א געשיט:
די הארף! די מאנדאלין! מיט קוילעטש אויף קאפ,
די אלמנה בת־ציון גייט א פאקס־טריט.



שא, שטיל, דער כנרת די ערשטע פידל
אין א ווייַנענדיקס הארצעדיק-שטיל פארגייט,
און אויף אלע זיינע קלאווישן דער ים
שוימט ווילד אויף — א בת־קול הימליש זיך צעשרייט!

די קאשטאנעטן קלאפן הילכיק צום טאקט,
ס׳שמיצערן פידלען, ס׳ברומט בייכיק דער באס,
סבלאזן די טראמפייטן, פייפיאלן פייפן,
מיט די טאצן טאנצט אריין א קונדאס.

„קדוש, קדוש“, שפרינגען די הרי־יהודה,
די אפרים־בערג פאטשן מיט די הענט,
ס׳קנאקן צו מיט די פינגער די באקסן־ביימער —
גאנצע וועלט אין א דביקות־טאנץ צעברענט.

און דער מסדה־בארג מיט א טרער אין אויג,
שמונה־עשרהדיק צעוויגט בלחש שטיל;
און זע, מאמע רחל מיט איר היימישן „שער“
טאנצט פרום אריין אינמיטן א קאדריל.

דער גולן אויף די קני גייט א קאזאטשאק,
מיט א פולער פלאש י״ש הויך אויפן קאפ,
אט ווי ער קניט און ווי וואקלדיק ער שפרינגט,
בלויז אז ס׳זאל זיך פארגיסן כאטש א טראפ.

אונטערן „המלאך הגואל טלית“
אין איר שלייער-טאנץ לבנה אויפגייט:
„לאמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן“!
הבדלה־שטערן אין הענט קינד און קייט —

הויך אויף ירדן־בריק שטייט א נביא־בדחן,
מישט א תורה־ווערטל מיט א שארפן וויץ:
„כלה־לעבן, א מאמע גייסט דאך ווערן,
קינדערלעך אלעמענס באהיט און באשיץ!“

וואס ציטערסטו אזוי, בארג לבנון?
אזש ווייס געווארן איז דיין קאפ פאר שרעק — —
יא, יונג איז ווידער געווארן דער חרמון,
און מיט איין שפרונג איז ער פון דיר אוועק.

איז דאך פון „דיין האלץ ס׳חופה־בעט געמאכט“,
דיין לבינה־מור האט אים אויפגעוועקט — —

און זע פון טיפער, וויסטער מדבר ארויס,
ווי דער הר־סיני דעם פליך ארויסשטעקט:

„ג־אט, און וואס איז מיט דעם ׳לא תרצח־געבאט,
אדער קומט טאקע אצינד שוין משיח — —״
און ר׳איז מיט־אריין אינם ווירבל־טאנץ ראד,
ווי דער ערד־קיילעך געדריי געשווינד־גיך —

א חג־שמח הײנט איבער גאנץ ישראל,
ירושלים איז פארייניט און גאנץ,
אלע שטעט ארום בגילופינדיקע
גייען אין איין שמחה־וששון טאנץ:

א פערטל יאר־הונדערט מדינת־ישראל,
און ירושלים גאנץ און פאריינט,
איז דאס אליין שוין דער בעסטער סימן,
אז ליכטיקע פרייד איבער דער וועלט אויפשיינט?

אלע פעלקער איין גרויסע מענטש־משפחה,
איין הייליק לאנד די גארע, גאנצע ערד,
קנאה־שנאה אויפהערט, קיין ברידער־האס מער —
אן אייביקער שלום אויסגעשפרייט ווערט.

אסתר ערליכמאן

## דערצייל מיין פריינד

דערצייל מיין פריינד פון אלץ וואס דו ווייסט. דערצייל ווי אזוי און דורך וועלכן נס דו ביזט לעבן געבליבן, ווייל יעדער איינער וואס איז ארויס פון דעם גיהנום א לעבעדיקער איז דאך דורך א צופאל, און מיר רופן דאס א נס, ווייל יעדער איינער איז דאך געווען זייער נאהענט צום טויט.

דו האסט צוריק קומענדיק אין אונזער שטעטל געטראפן די גרויסע פעלדער, די וועלדער, דעם טייך, די אזיערע, ווי אמאל פארן יידישן אומקום. די וואסערן ניינען זיך רוהיג געמיטלעך געפלאסן, די פייגעלעך האבן געזונגען, אלץ האט געבליט ווי געווען . .

אבער עס איז געווען א בלויז! קיין איין ייד איז מער דארטן ניט געווען. זיי האבן געפעלט.

דערצייל מיר וועגן דעם אומקום פון מיין און דיין גאנצער פאמיליע, דערצייל דעם אמת, איך בין גענוג שטארק דיר אויסצוהערן. מיר זיינען דאך א פאלק פון גבורים, אונזערע הערצער זיינען ווי פארשטיינערט, און טרערן האבן ניט קיין באדייט. אמאל, אמאל, און דער אמאל איז שוין גאנץ ווייט. ווען איך בין יונג געווען און האב ניט געוווסט אז איין מענטש קען האסן



דעם צווייטן אן א פארוואס. איך געדיינק ווי סענטימענטאל בין געווען צום מענטש און צו דער נאטור. איך האב געקענט וויינען ווען א בלאט פון א בוים אין אונזער גארטן איז געל געווארן פאר דער צייט, און איז אראפגעפאלן צו דער ערד אין דער ווינט האט עס פארטראגן, אדער ווען א שטורם האט אפגעריסן א ניט צייטיקע פרוכט, אדער אפגעבראכן א יונג צווייגעלע. אין אז א פויגל נעסט איז אראפגעפאלן אין די יונגינקע פייגעלעך האבן פארלארן זייער היים.

אט די אלע קלייניקייטן האבן מיר טרויעריק געמאכט און איך פלעג פארגיסן טרערן.

אבער היינט נאך דעם יידישן חורבן נאך די אלע איבערלעבענישן, מ׳קען מער ניט וויינען. ניט לאנג האב איך געשפאצירט אין א וואלד, איך האב געזען ווי וואלד ארבעטער זיינען געקומען באוואפנט מיט העק און אנדערער מכ־שירים. האבן זיי באזייטיקט יונגע, געזונטע, ביימער, און יעדער בוים איז געפאלן צו דער ערד מיט א קרעכץ, האט יעדער קרעכץ מיר דערציטערט, אבער איך האב שוין ניט געוויינט!

פאר מיינע אויגן זיינען געשטאנען מיינע געזונטע, יונגע, ברידער, מיינע שוועסטער, און די אלע מיליאנען ברידער און שוועסטער, וועמענס לעבנס די רוצחים האבן גרויזאם אונטערגעהאקט . .

דער וואלד איז געבליבן שיטער, איין בוים ווייט פון צווייטן, זיינען זיי געשטאנען ווי טרויעריק.

אין פארנאכט, האט גענומען בלאזן א ווינטל, און די צווייגן פון די פארבליבענע, פאריתומטע, ביימער, האבן זיך געבויגן צו דער ערד מיט א שטילן געוויש. איך האב געטראכט אז זיי זאגן קדיש, נאך די פארשניטענע ביימער. אין די טרויעריקע געדיינקען האב איך פארשאלטן די שלעכטע וועלט וואס האבן געזען ווי צווי פיסיגע חיות האבן אומגעבראכט זעקס מיליאן אומשולדיקע און האבן געשוויגן.

און אין אנבליק פון דעם גרויסן חורבן אונזערן איז מען פארשטיינערט, אין מען קען מער ניט וויינען, און ניט שרייען.

נאר דו און איך און אלע לעבנגעבליבענע דארפן און וועלן קיינמאל ניט פארגעסן.

דערצייל מיין פריינד איך וועל ניט וויינען.

פייגע בערמאנט

## ווארשעווער געטא - אויפשטאנד

ווארשע, ווארשע, מוטער־שטאט,
מיט בלוט־פארשפריצטע מויערן,
זעט נישט דיינע וואונדן ג־אט?
דיינע מתים אין די טויערן?

אויף קראשינסקיס פלאץ קאנאנען
פייערן אויף געטא־היימען;
וויל שוין ג־אט נישט מער דערמאנען
ס׳פאלק פון דודן און שלמהן?

ס׳גייט אזא מחנה קייגן פיינט,
פון שמשונס, פון דבורהס — —
זאל איך בעסער פאלן היינט
און מקדש זיין די דורות!

טויט דעם שונא אן רחמנות
ווען פלאמען פרעסן שטיינער,
ווען פייערן וויקלען מוראנאוו
און פרעגלען יונגע ביינער!

איך כאפ א באמבע אין מיין האנט
און באגריס דעם שונאס טאנקען;
בלוט באשפריצט די געטא־וואנט:
כ׳האב געטראפן, גאט צו דאנקען!

נישט געזונגען איז דער היינט,
ווען מען קוילעט אונז ווי רינדער;
ס׳וועלן אבער מארגן שאלן
פריידיק, זיגעריש די קינדער.

ווארשע, ווארשע, מוטער־שטאט,
מיט פארבלוטיקט, פארברענטן פנים
מיט קברים אויף רואינען
וועט נאך איבערלעבן שונאים.

מאיר באגדאנסקי

## צום 30-טן יארטאג פון דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

אין דער נאכט פון 18טן אויפן 19טן אפריל 1943 זיינען די דייטשע נאציס אריינגעקומען אין ווארשעווער געטא מיטן ציל צו ליקווידירן אים פולשטענדיק. דאס איז פונקט געווען די ערשטע סדר נאכט. קיין צו פריילעכן סדר — אפילו ווען די דייטשן וואלטן נישט אריינגעקומען — האבן שוין די דארטיקע יידן סיכוי נישט געהאט. זיי זיינען שוין בלויז געווען עטלעכע טויזנט אויסגעמאטערטע, אויסגעהונגערטע, פון פיזישן און מאראלישן ווייטיק געפייניקטע, נאך ביים לעבן געבליבענע נפשות פון דעם האלבן מיליאן יידן צונויפגעטריבענע אהער, און פון די זעקס מיליאן יידן, וועלכע האבן אמאל געלעבט אין די לענדער אונטער דער דייטשער אקופאציע.

אומברענגען מענטשן מאסנווייז איז ביי די דייטשן געווען א געוויינלעך פארגעניגן; און זיי האבן געזוכט דאסדאזיקע פארגעניגן נאך צו פארגרעסערן זיך דורך אדורכפירן זייערע מארד אקציעס אין די צייטן ווען די יידן פלעגן פארקומען פייערונגען פון וועלכן מין זיי זאלן נישט האבן געווען. די נאכט ווען יידן ריכטן אפ דעם סדר איז דאריבער געווען פאר זיי ווי אפגעמאסטן פאר אזא שטיקל „ארבעט". די יידן וועלן אלע זיין ביי זיך אין זייערע היימען. זיי וועלן פראווען זייער יום־טוב, זיי וועלן זיך נישט ריכטן אויף א ניי אנשיקעניש — און דאס וועט זיין די בעסטע צייט זיי אלע צו הרגענען מיט איינמאל, און אוועקפירן אהין פון וואנעט מען קומט שוין נישט צוריק. האבן זיי, ווי טכוירן, זיך אריינגעשלייכט אין געטא אריין אין מיטן דער נאכט — טאקע ווען יידן האבן געהאלטן אין מיטן אפריכטן דעם סדר. נישט מער ווי דאס מאל האבן די נאציס געמאכט א וויסטן טעות אין זייער חשבון; ווייל אין דער צייט ווען יידן האבן אפגעריכט דעם סדר האבן אנדערע יידן גע־



האלטן וואך און דערזעענדיק די דייטשע חיילות אנגעהויבן אן אטאקע קעגן זיי מיט געווער אין האנט. אויף אזא אומאנגענעמען „סורפריז" האבן די דייטשן זיך נישט גערעכנט און אין שרעק האבן זיי זיך צוריקגעצויגן ארויס פונעם געטא איבערלאזנדיק טויטע און פארוונדעטע. דער באוואפנטער אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבן. צומארגנס איז די דייטשע ארמיי צוריקגעקומען מיט ארטילעריע, טאנקן, עראפלאנען — א גאנצע גארניזאן פון טויזנטער געאיבטע פאר דעם צוועק סאלדאטן און אנגעהויבן אויפסניי דעם קאמף קעגן די עטליכע הונדערט געטא אויפשטענדלער וועלכע האבן בלויז געהאט א ביסל רעוואלווערן און, מיט אייגענע הענט אויסגעארבעטע „באמבעס". און אין אט דעם נישט גלייכן קאמף האבן זיי באוויזן אויסצוהאלטן איבער פיר וואכן ביז וואנעט זיי זיינען, כמעט אלע, אויסגעהרגעט געווארן.

דער אויפשטאנד אין ווערשעווער געטא איז געווען דער קולמינאציע פונקט פון יידישן ווידערשטאנד לגבי די דייטשן. ווייל ווידערשטאנד מוז נישט בלויז און נישט דוקא זיין מיט געווער אין האנט. דער ווידערשטאנד האט זיך אנגעהויבן מיטן מאמענט ווען די יידן זיינען אפגעשלאסן געווארן הינטער די מויערן פון די געטאס. בלויז איבערצולעבן א טאג האט געפאדערט אויסערארדנטליכע אנשטרענגונגען. שולן פאר קינדער און יעדע פארם פון בילדונג איז געווען פארבאטן און מען האט דאס געמוזט טאן אין געהיים. דאס אפשליסן די יידן אין געטאס האט געהאט פאר א ציל דורך הונגער און קרענק אומצוברענגען זיי. האט מען ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען באוויזן צו ארגאניזירן א ביסל מעדיצינישע הילף, קיכן פאר ארעמע, געהיימע שולן פאר קינדער, אפילו אויך קולטור פאראנשטאלטונגען, מוזיק קאנצערטן — און פארשפרייט נייעס ביולעטינען. ווערן געכאפט ביי וועלכע נישט איז פון דידאזיקע טעטיקייטן האט געמיינט איינשטעלן דאס לעבן. קינדער האבן איינגעשטעלט זייערע יונגע לעבנס און ארויסגעשמוגלט זיך פונעם געטא כדי איינצושאפן זיך א ביסל שפייז און עס צוריק אריינשמוגלען פאר דער משפחה, און איז ווער געכאפט געווארן בעת מעשה האט מען אים דערשאסן. די פאליטישע פארטייען האבן נישט איבערגעבראכן זייער טעטיקייט.

די געטאס האבן נישט געטארט אנהאלטן קיין שום קאנטאקט איינער מיטן צווייטן. דאך האבן פארבינדלער איינגעשטעלט זייערע לעבנס און זיינען געפארן ארום פון איין שטאט אין דער צווייטער, זיך אריין און ארויסגעשמוגלט פון די געטאס און געברענגט אינפארמאציעס און דירעקטיוון פון איין געטא צום צווייטן. דערביי האבן דידאזיקע פארבינדלער געהאט אויסצושטיין טאפלטע נגישות: נישט געכאפט צו ווערן דורך די דייטשע וועכטער וועלכע האבן געהיטן די געטאס, און נישט געכאפט צו ווערן אין דרויסן דורך די פוילישע „שמאלדאווניקעס" — ווי מען האט זיי גערופן וועלכע האבן געלויערט אויף יעדן ייד אויסער דעם געטא און געפאדערט גרויסע סומען אויסקויף געלט, אנישט וועלן זיי אים איבערענטפערן אין די הענט פון די נאציס. און נישט זעלטן האבן זיי געטון אי איינס און אין דאס צווטע. און

אויב דאס אלץ איז נישט ווידערשטאנד — טא וואס איז יא?

די נישט יידן, וועלכע האבן געלעבט אויסער די געטא מויערן און נישט זעלטן אין די היימען פון די יידן, וועלכע זיינען מיט געוואלט פון זיי פארטריבן געווארן איבערלאזנדיק זייער ביסל האב און גוטס, האבן קיין פריינטלעכע האנט נישט אויסגעשטרעקט כדי מיט וואס נישט איז צו העלפן זייערע געפייניקטע מיטבירגער הינטער דער מויער. נישט זעלטן האבן זיי אפילו נאך צוגעווארפן א קללה ווען זיי האבן געזען ווי מען פירט יידן אין געטא אריין אונטער א שטרענגע וואך באגלייט מיט טויטקלעפ. אמת, האבן זיך געפונען א ביסל חסידי אומות העולם וועלכע האבן איינגעשטעלט זייער לעבנס און געראטעוועט א ביסל יידן, און מען טאר זיי קיינמאל נישט פארגעסן, אבער זייער צאל איז געווען אזוי מיקראסקאפיש קליין אז זיי קענען נישט מכפר זיין אויף דער גלייכגילטיקייט וועלכע דער רוב פאליאקן האבן ארויסגעוויזן. און נישט נאר דארט, אונטער דער דייטשער אקופאציע, נאר אויך דא, אין ענגלאנד און אין אלע אנדערע מעריב לענדער, וועלכע זיינען נישט געווען אקופירט דורך די דייטשן, האט מען זיך באצויגן מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט צו די יידן אין די געטאס. ווען דער אפיציעלער פארשטייער פון די יידן אין פוילן, דער קדוש ארטור זיגלבוים, וועלכער האט מיט מסירת נפש זיך אהערגעקריגן דא קיין ענגלאנד און געקלאפט טרעוואגע אומעטום וועגן די מעשים תעתועים וואס די נאציס האבן אפגעטון צו די יידן אין פוילן — האט מען זיך נישט געוואלט צוהערן צו זיינע רייד. מען האט אויך נאך פארשריגן ווי א פארשפרייטער פון אויסגעטראכטע גרויל געשיכטעס. ביז וואנעט ער האט זיך אליין דאס לעבן גענומען — ווי אן אויסדרוק פון פראטעסט — בעת עס איז אויסגעבראכן דער אויפשטאנד אין ווארשעווער „עטא, האפנדיק אז דערמיט וועט ער לענקן די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט צו דעם וואס דארט איז פארגעקומען.

און ערשט דער באוואפנטער אויפשטאנד אליין; אן געווער קען מען דאך דאס נישט מאכן; און ווו נעמט מען געווער? האט מען עס געדארפט קויפן. און קויפן האט מען עס געקענט בלויז אויף דעם שווארצן מארק אויסער דעם געטא און פאר פאנטאסטישע פרייזן, און קיין געלט דערויף איז נישט געווען. האבן די אויפשטענדלער אפגעשפארט דאס געלט פון זייערע אייגענע, נעבעכדיקע מאגערע שפייז ראציעס. און דאס געלט האט מען געמוזט ארויסשמוגלען פון געטא אויף דער ארישער זייט און שפעטער ווידער אריינשמוגלען דאס געווער אין געטא אריין און יעדעס מאל האט מען איינגעשטעלט דאס לעבן. אזוינאך האבן די אויפשטענדלער זיך פארשאפט א ביסל רעוואלווערן. עס האבן נישט געפעלט קיין פאלן ווען מען האט דאס געלט ביי זיי פשוט אויסגענארט און קיין שום געווער זיי נישט געגעבן. זיי האבן זיך אויסגעלערנט ווי אזוי זעלבסט צו פראדוצירן אויפרייס באמבעס און האבן זיי אליין, אויסגעארבעט אין זייערע אייגענע „פאבריקן" אין געטא. און אלעס דאס וואס קען געזאגט ווערן וועגן ווארשעווער געטא, קען אויך געזאגט ווערן



וועגן אלע אנדערע געטאס. ווייל אויפשטאנדן זיינען פארגעקומען אין פיל פון זיי. און נישט בלויז אין די געטאס, אויך אין די קאנצענטראציע לאגערן האט מען באוויזן איינצושטעלן א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט פון פארשידענע מינים — שטרענג קאנספיראטיוו. בונדיסטן האבן אפילו, געפייערט א יובל פון „בונד" אין איין קאנצענטראציע לאגער. און געכאפט צו ווערן ביי וועלכער נישט איז טעטיקייט פון אזא מין האט באדייט טויט שטראף אויפן ארט. און אויך אין פארשידענע קאנצענטראציע לאגערן זיינען פארגעקומען אויפשטאנדן געמאכט נאר און אויסשליסלעך דורך יידן. פון דעם מארד לאגער אין טרעבלינקע זיינען 400 יידן ארויס לעבעדיק נאך דעם ווי זיי האבן אדורכגעפירט א געלונגענעם אויפשטאנד. נישט מער — זיי האבן נישט געהאט ווו זיך אהינצוטון אויף דער פריי; נישט בלויז האט זיי קיינער אין ערגעץ נישט אריינגעלאזט נאר מען האט זיי נאך מארמסרט און אזוי נאך האבן זיי די דייטשן צוריקגעפאנגען.

אין דעם „באנד וואו יידן" פון דער יידישער ענציקלאפעדיע געפינט זיך א מאפע פון געטאס און קאנצענטראציע לאגערן, זיינען דארטן פאראן אנגעצייכנט 32 פונקטן אין וועלכע עס זיינען פארגעקומען באוואפנטע אויפשטאנדן. אבער דערפאר וואס דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא איז געווען דער לעצטער און לויטן פארנעם דער גרעסטער, איז דער טאג פון זיין אויסברוך, דער 19טער אפריל, געווארן, פון זיך אליין, דער טאג אין וועלכן מיר פייערן די יארצייט פון אלע אויפשטאנדן און ער איז אויך די סימבאלישע יארצייט פאר אונז, די דירעקטע אבלים פון דעם חורבן. ביי די זעקס אנגעצונדענע ליכט גיבן מיר אפ כבוד די אומגעקומענע קעמפער און די אויפשטאנדן אין ווארשע, אין ווילנע, אין ביאליסטאק און אין אלע אנדערע געטא אויפשטאנדן. צוזאמען מיט זיי גיבן מיר אפ כבוד דעם קדוש ארטור זיגלבוים. מיר גיבן אפ כבוד די געפאלענע קעמפער אין די אויפשטאנדן און די קאנצענטראציע לאגערן אין טרעבלינקע, אין אוישוויץ און אין אלע אנדערע קאנצענטראציע לאגערן. מיר גיבן אפ כבוד דעם הייליקן אנדענק פון אונזערע טאטעס און מאמעס אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע פרויען, אונזערע מענער און קינדער, אונזערע אלע משפחה מענטשן, אונזערע שכנים, אלע אונזערע פריינט, אלע די וואס גייען אריין אין דער ענדלאזער רשימה פון 6 מיליאן פרויען, מענער, אלטע לייט און קינדער — א גאנצער מיליאן קינדער — וועלכע די דייטשן האבן אויסגעמארדעט דורך אלע מיתות משונות בלויז דערפאר ווייל זיי זיינען געווען יידן.

מיר גיבן אויך אפ כבוד דעם אנדענק פון די ציגיינער, וועלכע זיינען דורך די נאציס אומגעבראכט געווארן אויף דעם זעלבן אופן ווי די יידן און פונקט אזוי אומשולדיק.

דרייסיק יאר זיינען שוין אוועק זינט יענער צייט, אבער אונזער ווייטיק איז געבליבן נישט פארהיילט און דער טרויער אין אונזערע הערצער איז כסדר איינגעבאקן און די וועמענס דירעקטע אבלים מיר זיינען שטייען פאר

אונזערע איגן טאג און נאכט און כסדר רייסט זיך פון אונזערע הערצער ארויס דער חבל געשריי.

אין פארלויף פון די גאנצע דרייסיק יאר האט נישט אויפגעהערט צו עקבערן אונזערע מוחות די פראגע ווי אזוי האט א פאלק א גאנצעס מיט אזא הייכער קולטור און אזוי הויך ציוויליזירט זיך געקענט אראפלאזן אין אזא תהום פון מאסן רציחה וואס קיין פאראלעל דערצו קען מען אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט נישט געפונען. אבער קיין ענטפער אויף אט דער פראגע קען מען נישט געפונען. דאס איינציקע וואס עס בלייבט אונז איבער צו טון און איז צו זארגן דערפאר אז עס זאל מער נישט קומען צו אזא רציחה. אבער דאס קען נישט געטון ווערן דורך פארשווייגן דאס דאזיקע פינסטערע בלעטל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער ווייט גרעסטער רוב פון דעם דור יידן וועלכע זיינען געבוירן און אויפגעוואקסן שוין נאך דעם חורבן ווייסן גארנישט וועגן דעמדאזיקן צייט אפשניט אין אונזער געשיכטע. נאך ערגער: מען איז מבזה די געטא יידן אין די איגן פון דער יוגנט דורך איינריידן זיי אז זיי זיינען געגאנגען ווי שאף צו דער שחיטה אן וועלכן נישט איז ווידערשטאנד.

צוזאמען מיט די זעקס מיליאן יידן האבן די דייטשן אומגעבראכט אין די קאנצענטראציע לאגערן אויך זעקס מיליאן נישט יידן פון אלע לענדער אין איראפע, אבער קיינער פון די נישט יידן האט קיין אויפשטאנד אין זיי נישט געמאכט. אין די אקופירטע דורך זיי לענדער האבן די דייטשן זיך אויפגעפירט לגבי דער ארטיקער באפעלקערונג מיט דער זעלבער רציחה ווי אין די געטאס — אבער אין קיין שום לאנד האט די באפעלקערונג קיין אפענעם אויפשטאנד נישט אדורכגעפירט, נישט געקוקט דערויף וואס זייערע מעגלעכקייטן דערצו זיינען געווען אן אן ערך גרעסער און בעסער ווי אין די געטאס. די רוסישע קריגסגעפאנגענע זיינען דורך די דייטשן באהאנדלט געווארן מיט דער זעלבער ברוטאליטעט ווי די יידן; און קריגס געפאנגענע זיינען דאך זעלנער און זעלנער זיינען דאך די יונגסטע און קרעפטיקסטע מענטשן פון דער באפעלקערונג און די אמבעסטן געשולטע צו קאמף. אבער זיי האבן קיין אויפשטאנד נישט געמאכט אין זייערע לאגערן; אבער יידן—יא.

אמת, די פאליאקן האבן (בלויז אין ווארשע) אדורכגעפירט אן אויפשטאנד. אבער וואס פאר א פארגלייך צום געטא. זיי האבן יארן לאנג געשולט א מיליטערישע ארמיי; האבן געהאט הינטער זיך א רעגירונג וועלכע האט צוגעשטעלט געלט לרוב און געווער; די אליאירטע ארמייען האבן זיי צוגעהאלפן דורך שיקן מיט אעראפלאנען מיליטערישע אויסשטאטונג; זיי זיינען אין קיין געטאס נישט געווען פארשפארט; נישט געווען אויסגעהונגערט זייט פיל יארן אזוי ווי די געטא קאמפער; און ביי אלעם דעם האט זיי געסטאנעט בלויז אויף אן אויפשטאנד אין ווארשע אליין, וועלכער האט געדויערט אזוי לאנג ווי דער געטא אויפשטאנד. ווי בלאס זעט זייער אויפשטאנד אויס אין פארגלייך מיטן געטא־אויפשטאנד!



פונקט אזוי ווי אין דער הגדה ווערט געזאגט אז דעם נס יציאת מצרים מיז מען אריינהאקן אין די קעפ פון די וועלכע ווייסן נישט דערפון אזוי מוז מען אריינהאקן אין די קעפ פון אונזער יוגנט דאס קאפיטל פון אונזער געשיכטע פון דעם נאצי פעריאד. און נישט בלויז אונזער יוגנט מוז דערפון ווייסן. מיר טארן זיך נישט לאזן איינריידן פון אונזערע נישט יידישע פריינט אז עס איז שוין צייט צו פארגעסן דערוועגן. פונקט פארקערט; מיר מוזן זיי אויפקלערן אז פארגעסן מיינט גוטהייסן אויף דעם וואס די דייטשן האבן אפגעטון. מיר זוכן נישט קיין נקמה און מיר זוכן נישט צו שאפן א מחיצה צווישן פעלקער. פונקט פארקערט; מיר מוזן כסדר לערנען מיט יעדן אונטערוואקסנדיקן דור וועגן די שווידערלעכקייטן פון אט דער תקופה, דוקא אז זיי זאלן וויסן צו וואס אומגעצוימטע וואנזיניקייט און אומטאלעראנץ קען דערפירן.

די וועלט איז בלויז איינע און אין איר האט יעדער איינער דאס גלייכע רעכט אויף עקזיסטענץ — סיי ווי א יחיד און סיי אין אן ארגאניזירטן קבוץ. אונטערשיידן, סיי קולטורעלע, סיי נאציאנאלע, צו עטנישע, זיינען נישט קיין מניעה פאר א פריינטלעך צוזאמענלעבן. פונקט פארקערט זיי מאכן אונזער וועלט שענער און דאס לעבן מער אינהאלטס־פול.

מיר יידן ווייסן גענוי ווי וויכטיק טאלעראנץ איז און מיר האבן וואס בייצוטראגן צום פארפעסטיקן די צווישן פעלקער.

לאמיר האפן אז, סוף כל סוף, וועלן די פעלקער פארשטיין ווי אזוי אפצושאפן די שנאה פון איינעם צום אנדערן און איינשטעלן א שטענדיקן שלום אויף דער וועלט און אין אזא וועלט וועלן אויך מיר געדייען.

יוסף וויינשטיין

## פסח מיט די חיילים (זכרונות)

ביי צוויי געלעגנהייטן, האבן אידן אין מצרים, געהאט די פרייד זיך צו טרעפן מיט די אידישע חיילים: דאס ערשטע מאל איז דאס געווען אין דער 1־טער וועלט־מלחמה פון יאר 1914, ווען דער 39־טער און 41־טער באטאליאן, וועלכע זיינען געווען איינגעשלאסן אין די „ראיאל-פוזיליערס" פון דער בריטישער ארמיי, זיינען אנגעקומען אין קאירא, אין יאר 1917, אונטער דער קאמאנדע פון די קאלאנעלן מארגאלין, סאמועלס — ביידע אידן — און פאטערסאן, מיט קאפטען זאב זשאבאטינסקי, בראש. תיכף איז געשאפן געווארן א פאנד: „קאמפארט פאנד פאר דזשואיש סאלדיערס" — לטובת די חיילים און דער „אידישער קינסט פאראיין פון קאירא" — וואו איך בין געווען דער פרעזידענט — האט גלייך פארוואנדלט זיין לאקאל, אלס א „בית־החייל", מיט אלע באקוועמלעכקייטן: א לעז־זאל מיט אידישע און ענגלישע ביכער און צייטונגען, א בופעט מיט לייכטע שפייזן און נישט שארפע געטרייננק פאר מעסיקע פרייזן, און אידישע פרויען און מיידלעך האבן זיך אונטערגענומען צו באדינען פרייוויליק די חיילים.

פסח, פון יאר 1918, איז צוגעגרייט געווארן אין „בית החייל" צוויי סדרים פאר די סאלדאטן, געפראוועט אונטער דער השגחה פון רבי גראיעווסקי, אידישער טשאפלען אין דער ענגלישער ארמיי, מיט דער אנוועזנהייט פון קאלאנעל מארגאלין. אויך זיינען אויפן סדר געווען איינגעלאדן מערערע משפחות צו פארברענגען מיט די חיילים.

אויך פלעגט דער אידישער קונסט פאראיין אויפירן אין „בית החייל" אפטע פארוויילונגס אווענטן פון ליטעראטור, מוזיק, געזאנג טעאטער און טענץ, אויף וועלכע די חיילים האבן פארבראכט צוזאמען מיט איינגעלאדענע געסט. אויך האט דער פאראיין צוגעגרייט א גרויסע טעאטער פארשטעלונג אין דער אידישער שפראך, לטובת דעם „קאמפארט פונד" פאר די אידישע חיילים, וואס איז פארגעקומען שבת דעם 18־טן דעצעמבער 1918, אין דעם קעניגלעכן אפערא געביידע, דער שטאטס־טעאטער, — פריי באוויליקט פון דער מצרישער רעגירונג — אונטער דעם פאטראנאזש פון גענעראל סער אלענבי טשיף קאמאנדיר פון די בריטישע ארמייען אין גאנצן אריענט, און אין דער אנוועזנהייט פון גענעראל סער וואטסאן, מיליטער גובערנאטאר פון קאירא, וועלכער איז געקומען אויפן ספעקטאקל מיט זיין גענעראל־שטאב פון באגלייטונג פון צען קראנקן־שוועסטער פון די ענגלישע מיליטער שפיטאלן, אלע שוועסטער געקלייט אין שניי־ווייסע מיליטער טראכט, מיט אויף די קעפ א ווייס־געקראכמאלטע הייבל מיט א רויט־צלמל: זיי האבן זיך אפגעגעבן צוניף נעמען געשיינקן דורך פארטיילן בלומען ביים אנוועזנדן עולם. די חברים פונם קונסט פאראיין האבן אויפגעפירט דעם איינאקטער „דער בער" פון טשעכאוו, איבערזעצט אויף אידיש, און די קאמעדיע „א דאקטאר", פון שלום עליכם. אויפן זעלבן אווענט איז פארגעקומען א קאנצערט פון מוזיק און געזאנג, מיט דער מיטהילף פון אידישע פריילענס, אונטער דער לייטונג פונעם אידישן קאנצערטיסט מאעסטרא קאנטאני — ביים אנקומען פונעם גענעראל סער וואטסאן מיט זיינע באגלייטער אויף דער פארשטעלונג, האט דער בארימטער „וועלט־באנד" מיליטער ארקעסטער געשפילט דעם עגיפטישן קעניגלעכן מארש, דערנאך דעם „גאט סייוו די קינג" און פארענדיקט מיט „התקוה", וואס איז געווארן אויפגענומען דורך שטורמישע אוואציעס פונעם געפאקטן עולם וואס האט זיך געפונען אין טעאטער. אין די צווישן־אקטן האט דער וועלט־באנד ארקעסטער געגעבן א שיינע מוזיק פראגראמע און געשפילט אן אויסצוג פון דער אפערא „זשידאווקא" פון הלוי, „בעל־שם" פון בלאך, „כל נדרי" פון מאקס ברוך, אן אויסצוג פון דער אפערא „שמשון און דלילה", און אן אויסמיש פון „אידישע ניגונים", פארפאסט פון ישראל פאליאקין, א געוועזענער קאפעל־מייסטער ביים צאר אין הויף, וועלכער האט געלעבט אין קאירא.

גרויס איז געווען אונזער פרייד בנוגע דעם פינאנציעלן דערפאלג פון דעם נשף, אבער נאך גרעסער איז געווען אונזער שטאלץ וואס מיר האבן געלאזט הערן דאס „אידישע ווארט" און אויך אונזער נאציאנאלן „התקוה",



פאר אן עולם פון איבער טויזנט אנוועזנדע — און וואו: אינעם קעניגלעכן טעאטער פון מצרים!

אינטערעסאנט איז צו דערמאנען, אז צווישן די חיילים פון די דריי אידישע באטאליאנען, וואס זיינען נאך דער מלחמה פארבליבן אין ארץ־ישראל, איז געווען יצחק שימשעלעוויטש — שפעטער זיך גערופן יצחק בן־צבי — וועלכער איז געווארן דער צווייטער פרעזידענט פון ישראל. אויך האט זיך געפונען דוד גרין — היינט דוד בן־גוריון — געווען איז ער דער ערשטער פרעמיער מיניסטער פון ישראל. אויך לוי אשכול — וועלכער האט געהייסן שקאלניק — אין געווארן פרעמיער מיניסטער פון ישראל, און נחמיה ראבינאוויטש, וועמענס זון יצחק ראבין — געוועזענער הויפט־קאמאנדיר פון דער ישראלי ארמיי — וועלכער האט מנצח געווען די אראבישע מלוכות, בעת די זעקס טעג בליטץ־מלחמה — היינט אמבאסאדאר פון ישראל אין אמעריקא.

בעת די 2־טע וועלט מלחמה, אין יאר 1940, האבן די אידן אין מצרים געהאט גרויס פארגניגן צו זען אנקומען פון ארץ־ישראל, אידישע חיילים און חיילות, געקלייט אין ענגלישע מיליטער מונדירן, מיט זייער אייגענער ווייס־בלאוע פאן, מיט דעם „מגן־דוד", און געדינט האבן זיי, אין די רייען פון דער בריטישער ארמיי אלס א: „דזשואיש בריגייד".

אין קאירא, איז באלד געווארן אויפגעשטעלט א קאמיטע פון פארשטייער פון דער אשכנזישער געמיינדע, דעלעגאטן פון די „בני־ברית" און פון די ציוניסטישע פעדעראציע, ווי אויך פון דעם אידישן קונסט פאראיין, אין וועלכן קאמיטע איך בין באשטימט געווארן אלס האנארארי גענעראל־סעקרעטאר. א „בית־החייל", איז אויפגעעפנט געווארן, אזוי ווי אין יאר 1917 — מיט 23 יאר צוריק — בעת די 1־טער וועלט־מלחמה, צוגעגרייט א בופעט און אלע באקוועמלעכקייטן, א גרויסע צאל אידישע פרויען און מיידלעך האבן זיך באטייליקט צו באדינען די חיילים און חיילות וועלכע פלעגן קומען אין די הינדערטער יעדן אווענט אין „בית־החייל" פארברענגען אין א היימישע אידישע אטמאספערע.

דער „ועד למען החייל" פון ארץ־ישראל, האט פארזארגט דעם בית־החייל מיט העברעאישע ביכער און צייטונגען און אפט צוגעשיקט פאר די חיילים און חיילות פעקלעך מיט נוצלעכע חפצים.

אויף פסח 1942, איז אין „בית־החייל" צוגעגרייט געווארן א סדר פאר די זעלנער. פון ירושלים, האט דער ועד למען החייל, צוגעשיקט מצות, און געמאלדן אז מר. משה שרת, פאליטישער דירעקטאר פון דער „אידישער אגענציע", און מר. יוסף ברק, סעקרעטאר פונעם ועד למען החייל, וועלן קומען אין קאירא, פארברענגען די ערשטע טעג פסח מיט די חיילים. אייניקע טעג שפעטער, האבן מיר באקומען א ידיעה פון ירושלים אז די מצרישע רעגירונג, האט נישט דערלויבט זיי לאזן אריינקומען אין עגיפטן. מיר זיינען, פארשטייט זיך, געווען זער באטריבט פון דער אבאנגענעמע בשורה, אבער ווי דערשטוינט מיר זיינען געווארן ווען, ערב פסח, איז דערשינען אין „בית־החייל" א

גרופע אפיצירן און חיילים, ערשט אנגעקומען פון ארץ־ישראל, צווישן וועלכע משה שרת און יוסף ברץ, ביידע אין אפיצירסקע מונדירן . . אויף אונזער צופרידענער פארוואונדערן זיך, האט מר. שרת, מיט זיין געוועלנלעכן שמייכעל אויף זיין תמיד שיינענד פנים, חבר׳יש א זאג געטאן: איר געדיינקט דאך געוויס דעם בארימטן מאטא: „אין דבר העומד לפני הרצון״. . מע גיט זיך אן עצה . . — ביים סדר־טיש, אויבן־אן, זיינען געזעסן, חוץ די צוויי ליבע אורחים משה שרת און יוסף ברץ, אויך רבי ד״ר ישראל בראדי, סעניאר אידישער טשעפלען אין דער בריטישער ארמיי, וועלכער האט געפראוועט די רעליגיעזע צערעמאניע — נאך דער מלחמה, איז רבי בראדי באשטימט גע־ווארן טשיף־ראבאי פון ענגלאנד און קאמאנוועלט — אויך קאלאנעל אבא איבאן, היינט מיניסטער פון אויסערלעכע־ענינים פון ישראל, קאלאנעל וואל־טער אייטאן, געווארן אמבאסאדאר פון ישראל אין פראנקרייך, ד״ר שמואל קאופמאן, גרויסער געלערנטער, וואוינט היינט אין ירושלים, פרוי שרת אין זייער צען יעריקער בחורל, היינט דירעקטאר אין מיניסטעריום פון אויסער־לעכע ענינים אין ישראל. א שיינע פאטא איז דאן געמאכט געווארן פון די געסט ביים סדר־טיש. דאס היסטאריש בילד געפינט זיך אין דעם מוזעאום פון די חיילים אין תל־אביב.

פסח 1943, האבן מיר צוגעגרייט א סדר אין א גרויסן לאקאל, וואו איבער 600 חיילים און חיילות, האבן צוזאמען פארבראכט. מצות האבן מיר באקומען פון ירושלים, פונעם ועד למען החייל, וועלכער האט אויך צוגעשיקט פעקלעך מתנות אויף פסח. — בנוגע די ארבע כוסות, האבן מיר זיך געווענדעט צום ראבינאט פון קאירא, וואס פלעגט יעדן יאר ברייננגען וויין אויף פסח פון ארץ־ישראל. אייניקע טעג שפעטער האט דער רב אונז געמאלדן, אז די עגיפטישע אויטאריטעטן האבן פארבאטן לאזן אריינברייננגען וויין פון ארץ־ישראל . . איך בין דאן גלייך אוועק אין דער ענגלישער קאזארמע, לעבן קאירא, זיך זען מיט דעם אידישן טשאפלען רבי קאשדאן, און מיט אים בארעטט דעם ענין. רבי קאשדאן האט תיכף טעלעפאניש אנגעקלונגען אין ירושלים, און א פאר טעג פאר פסח, האבן מיר באקומען וויין, וויפיל מיר האבן געוואלט . . און אונזערע חיילים האבן געטרונקען לחיים צום נצחון פון די אליאירטע כוחות און צו א באלדיקן שלום!

אין די פינף יאר פון דער 2-טער וועלט־מלחמה, האט דער אידישער קונסט פעראיין פון קאירא צוגעגרייט א גרויסע צאל פארוויילונגס נשפים פון ליטעראטור און טעאטער, טאנץ־אוונטן, און קאנצערטן פון מוזיק און געזאנג — סיי אין „בית-החייל״ ווי אויך אין אנדערע לאקאלן — פאר די חיילים און חיילות וועלכע פלעגן היימיש פארברייננגען מיט איינגעלאדענע געסט. אויך האט דער קונסט פעראיין געגעבן זעקס „גאלא־אוונטן״, אויפן פראפיט פונעם „בית־החייל״, אויך איין „אוונט״ לטובת דעם „בריטישן וואר פאנד״ — וועלכע זיינען פארגעקומען אינעם קעניגלעכן אפערא טעאטער פון קאירא, אונטער דעם „פאטראנאזש״ — פון די פארשידענע ענגלישע גענעראלן,



וועלכע — יעדער אין זיין צייט — זיינען געווען טשיף־קאמאנדירער פון די בריטישע ארמייען אין אריענט: גענעראל סער אוקינלעק — גענ. סער ווילסאן און גענ. סער פעידזשעט. אויף די אוונטן האבן די חברים און חברות פונעם קונסט פעראיין אויפגעפירט אין אידיש: „דער ווילדער מענטש״, פון יעקב גארדן — „די מכשפה״, פון גאלדפאדן — „זשידאווקא״, מיט דער מוזיק פון הלוי — דער „אידישער קעניקליר — פון גארדין״ — „דאס גרויסע געווינס״ פון שלום עליכם — און „שלמה המלך און שלמאי דער שוסטער״, פון גראנע־מאן, איבערזעצט אויף אידיש.

אין ביידע וועלט־מלחמות, פון 1914 און 1940, האבן די אידישע סאלדאטן מקריב געווען מיט גרויס מוט זייער לעבן אויף אלע שלאכט־פעלדער. אזוי ווי אין יאר 1948, ביים ווידער־אויפלעבן פון ישראל — און שפעטער צו, בעת די מלחמות פון 1956 און 1967.

עלא זילבערג

## ישראל

אידן, אידן, מאסן אידן,
אלע גליקליכע צופרידן,
ווער אויף קרוקעס, ווער מיט שטעקן
אנגעריזט פון אלע עקן,
פון דעם גלות אויסגעריסן,
א פרייען לעבן צו געניסן.

אידן פלאנצן, אידן שאפן,
אידן שלעפן זעק מיט שטיינער,
אידן הארעווען ווי שקלאפן,
נאר באקלאגן טוט זיך קיינער.

יהיה טוב! צו וואס זיך זארגן
פאר ישראל ס׳איז לייכט צו געבן,
ס׳איז גוט צו ארבייטן און שאפן,
אין אן אייגן לאנד צו לעבן.

שווארצע, ווייסע געלע ברוינע,
יעדער אין גוטער לוינע,
ניט קיין מורא פאר דעם מארגן,
פאר די צוקונפט מער ניט זארגן,
אלע גלייך, ווי איין משפחה,
דא צו לעבן איז א ברכה.

## א בלעטעל פון לוח

א בלעטל פון לוח,
איך רייס ווידער אראפ,
דאס הארץ עס טוט מיר פארקלעמען,
א טאג נאך א טאג,
די צייט לויפט פארביי,
און אפשייד פון דיר כ׳מוז באלד נעמען.

ווי גליקלעך און פריי,
פארלעבט כ׳האב די צייט,

יעדער טאג א נס אומדערוואַרטן,
יעדער בוים, יעדער בלום,
פון חלוצים געפלאַנצט,
פון דער וויסטע געמאַכט דאָ א גאָרטן.

דאָס איז מיין פאָלק,
מיין פאַרמאַטערטעס פאָלק,
וואָס געלעבט האָט אין גלות פאַרפּייניקט,
איצט איז עס פריי,
איצט לעבט עס אויפס ניי,
אין שאַפן און בויען פאַראייניקט.

אייזיק גאָלדבערג

## חרות — פסח

(געווידמעט אונזער איינִיקל זשעקעלין)

ווידער איז צו אונז געקומען
חרות־פסח, פאַר יעדן גליך,
ליב און האַרציק ווערט ער אויפגענומען
סיי ביי אָרים, סיי ביי רייך.

היינט ערשט, ווען מיט פיל כוונה,
ס'ווערט דער „סדר" צוגעגרייט
ווי אין הימל, די לבנה,
שטראַלט א יעדער אויף פאַר פרייד.

און עס זיצן אַרום די טישן
טאַטעס, מאַמעס, קינד און קייט,
באָבעס, זיידעס, זיך צוקישן
ווי די קינדער, אַזש פאַר פרייד . .

ערשט ווען ס'קומט, צו קשיות פרעגן
פון די קינדער, אָדער איינִיקלעך דערצו,
ווער עס קאָן צו דעם דערלעבן,
איז דאָך ווערט, דער גאַנצער מי.

דאַמאָלס שטראַלט אין יעדן ווינקל,
פרייד און נחת, ביי אַלע גליך,
אין יעדן אויג, בליצט אויף א פינקל,
ס'ווערט א ייִדיש קעניג-רייך ! .





## בנימין נייבערגער דער „דאַזאָר אויף א געלעכטער"

(פון דער סעריע טיפּן פון מיין שטעטל זאַקראָטשין)

בנימין נייבערגער איז געווען א גאַנץ פּשוט און נאַאיוו מענטשל, געגאַנגען זיין אַקסן־טריט און פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן. אַלס בחור געהאָלפן זיינע עלטערן אין זייער שפּייז־קראָם, ווען ער האָט געהייראַט מיט מלכה'ן, די טאָכטער פון חשוב'ן באַלבאָס שמואל משה שליאַדאָוו, האָט בנימין מיטגעאַרבעט ביי זיין שווער פון זיין שניט־קראָם. בנימין נייבערגער וואָלט אַזוי אויסגעלעבט זיינע יאָרן און ווייטער פון קיינעם נישט באַמערקט געוואָרן. אָבער צו אַלעם קומט א צייט.

אין יעדן שטאָט און שטעטל אין פּוילן איז די יידישע באַפעלקערונג רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך די יידישע געמיינדע, אַנ'אויטאָנאָמע קערפּערשאַפט, וואָס האָט פאַרוואַלטעט און רעגולירט דורכאויס נאָר יידישע ענינים. די פאָרשטעער פון די יידישע געמיינדע, האָבן זיך גערופן דאָזאָרס, זיי זיינען געוואָרן „אויסגעוויילט" דורך די יידישע באַפעלקערונג אין זייער שטאָט און שטעטל. עס האָט זיך נאָר אַזוי געזאָגט אויסגעוויילט. די אָרעמקייט פון שטאָט, וועלכע זיינען שטענדיק געווען די ווייט גרעסטע מערהייט פון די באַפעלקערונג, האָבן זעלטן געהאַט אין וועלכע עס איז געמיינדע, זייערע פאָרטרעטער, וועלכע זאָלן זיי ערליך רעפּרעזענטירן זייערע אינטערעסן און שיצן זיי קעגן די וואַקכאַנאַליע באַשלוסן פון די דאָזאָרעס :

בעלי־גופן, חוצפה'ניקעס, וועלכע האָבן זיך דורך אומלעגאַלע וואַלפעלשונג און סתם שמד־שטיק־וועגן אַריינגעקריגן צו ווערן באַזאָרגערס אין דעם שטעטישן יידישע געמיינדע און האָבן קנעכטיש געדינט די שטאָטישע יידישע גביר'עקראַטיע און אויסגעלאַכט זיך פון די פאָלקס־נויטן.

בנימין נייבערגער, כאָטש מכלומרש'ט אַנ'נאַאיוו מענטשל, האָט געהאַט א געפיל פון סאָציאַלן יושר, געצאָרנט קעגן די עוולות, וואָס די קאָרומפּירטע קאַמעראַליע-דאָזאָרעס, „שטאָט־טאַטעס" באַגיין קעגן די שטאָט־אָרעמקייט, בנימין נייבערגער האָט געהאַט א פאַרלאַנג צו ווערן דאָזאָר אין דער זאַקראָטשינער יידישע געמיינדע, א קלענער טייל פון זאַקראָטשינער „עמך" האָט פאַרשטאַנען בנימינ'ס ערלעכקייט צו וועלן ווערן דאָזאָר, זיי האָבן געוווסט, אַז נישט צוליב כבוד גייט עס אים, האָבן בנימינ'ען געשטיצט. אָבער זייער צאָל איז געווען צו קליין, אַז בנימין זאָל קאָנען ווערן אויסגעוויילט אַלס דאָזאָר. די שטאָט־לצים, מיט דער הויפּט־לץ, עזריאל לייב שאַפּשאָוויטש, הערנדיק וועגן בנימינ'ס פאַרלאַנג צו וועלן ווערן דאָזאָר, האָבן זיי איינגעזען, אַז ווען דער נאַאיווער און נאַרישער בנימין זאָל טאַקע ווערן דאָזאָר, וועט זיין פיל מאַטעריאַל פאַר זייער לצנות. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט געוואָלט פאַרשטיין בנימינ'ס ערלעכן ווילן צו רעפּרעזענטירן די יעניקע, וועלכע כמעט קיינמאָל נישט געהאַט אַנ'ערלעכן פאָרטרעטערשאַפט. די חברה־

לצים האבן זיך מיט גרויס־איפער זיך ארייגעוואַרפן אין דער וואל־קאמפאניע צו דערוויילן בנימין׳ען „דעם דאזאר אויף א געלעכטער״. אזוי האבן זיי אים אין זייער שפאס גערופן.

בנימין איז געווארן דערוויילט אלס דאזאר: ווען די נייעס איז צו בנימין׳ען דערגאנגען, אז ער איז אויסגעוויילט געווארן, האט ער מיט פרייד אויסגעשריגן — יעצט זאלן נישט מיינען די אלע, וואס פרעסן פעטע אינדיקעס, וועלן טאן אלץ, וואס זיי געפעלט זיך. ניין! מיט ציין און נעגל וועל איך קעמפן און נישט דערלאזן באַ׳עוולה׳ן די, וואס עסן אנגערייטע קארטאפל, אזוי האט בנימין אין זיין פשוטן אבער טרעפליכן אויסדרוק, באצייכנט די שטאט־ארעמקייט, וועלכע ער גרייט זיך צו רעפרעזענטירן און באשיצן. די זיצונגען אין געמיינדע־לאקאל, זיינען טאקע וועוען שטורמישע. בנימין האט מיט ציין און נעגל געקעמפט און נישט געוואלט דערלאזן באַ׳עוולה׳ן דאס ארעמקייט פון שטאט זיינע רעדעס זיינען טאקע נישט געווען קיין איבריק רעטארישע אבער פשוט און טרעפליך, זיינען באגלייט געווארן מיט חוזק און געלעכטער פון איבריקע קלוגע דאזארעס. בנימין האט זער עקשנות׳דיק געקעמפט אבער זער ווייניק געקאנט עפעס אויפטאן ער איז געווען בלויז אין שעפסל צווישן א באנדע וועלף.

ט. וויגאדסקי

## דער ווארשעווער געטא שטארבט

איבער פלאמען און רויך,
וויאנעט א בלאע־ווייסער פאן הויך,
ווען סע פאלט דער לעצטער זון מיט א צעשמעטערטן מוח,
סע איז א נאכט מיט פלאמען און רויך.

פינסטערע גאסן, מיט צעריסענע שטיינער,
וועגט מיט באריקאדן,
און סע קוקט גאט מיט קריצענטע ציינער,
סע קוקן און שוויגען די גאסען,
סע קוקט גאט, סע העלפט ניט דאס כעסן.
פלאמען פון די אויגן, ווינטען מיט רויך שמייסען
א ניט יידיש געזאנג יאגט פון אונטן,
סע ברענען יידישע גאסן, סע יאגען ווינטען,
פלאמען פון די אויגן, פלאמען פון די געסטאפאשע יערידן,
ס׳ווערט געבוירן אין די יידישע גאס א נייער דור,
א דור פון ברענענדיגע און פלאמענדיגע יידן.

איבערגעזעצט פון פויליש: משה דאמב



דוד בערמאן

## לכבוד ישראל׳ס 25 יום העצמאות

שלום ישראל, ווידער איז דיין יום העצמאות
שלום ישראל, פרייליך איז דיין יום העצמאות
מדינת ישראל — ישראל — ישראל —
היינט איז א יום טוב פאר כל ישראל —
שלום — שלום — ושלום לישראל, חברים
ושלום — שלום — שלום, כל ישראל חברים!

שלום ישראל — מיר אלע ווינשן דיר שלום —
די וויכטיקסטע זאך אין דער וועלט, שלום —!
מדינת ישראל — ישראל — ישראל —
היינט איז א חגיגה פאר כל ישראל —
שלום — שלום — שלום לישראל, חברים
שלום — שלום — ושלום, כל ישראל חברים —!

א. נ. שטענצל

## דער שורש

— המשך —

איצט, אז געהאט „מיין היים״, ווען די גאל האט זיך אין מיר צעשפילט, האב איך מיך מער נישט געווארפן אויף שפיטאל־בעטן, נאר שוין גענומען פארן אפילו אויף קור־בעדער.

אין קארלסבאד האט מיר נישט נאר גוט געטון מיין געשוואלענער לעבער, נאר געווען אויך א רפואה צו מיינע היים־ווי בענקעניש. האט דאך אין דעם אטעם פון די טשעכיש־בעמישע וועלדער און פון די קארפאטן־שטעטל־דיקע בערג־יידן א ווייע געטון מיט היימישקייט און נאך דערצו — א ראנדעוואו פון יידן פון ווארשע ביזגל ניו־יארק.

דרייענדיק מיך מיטן ווארעמען, ברויזיקן גלאז וואסער און טרונקענדיק עס אויף א רפואה, האב איך געטראפן ד״ר זשיטלאווסקין און ד״ר שטיינבערגס פרוי. זעענדיק אויף מיין פנים די פרייד פון דערזעען אזא פנים־חדשות, זאגט זי צו מיר, אז אויב איך וויל נאך כאפן דעם ווארשעווער שרייבער און פירער פון די ציש״א שולעס, דעם חבר קאזדאן, זאל איך שנעל צוגיין צו זיין אכסניא, ווייל ער פארט טאקע אין א שעה־צוויי אוועק.

און אזוי זייענדיק ביי אים בשעתן פאקן, זאגט ער, אז די בונדישע צייטונג גרייט צו א „וואכן־שריפט״, א ליטערארישע ביילאגע צו דער טאג־

צייטונג און אויב כ'וויל קאן איך עפעס מיטגעבן.

און אזוי על־רגל־אחת האב איך דערפילט די ווארעמקייט פון דעם אוק־ראינישן ייד, וואס האט מער גוט געטון ווי דאס הייס-ברויזנדיקע קארלס־באדער גלאז וואסער.

אוועקגעגאנגען בין איך שוין מיט דעם ראמש יידישע צייטונגען, וואס זענען געבליבן ליגן אויפן טיש.

און פון א בריוועלע פון א יינגעלע אין איינער פון די צייטונגען האב איך גארנישט געקענט אויפהערן צו שמייכלען צו מיר, און אזוי איז אריינ־געקומען מיינס א ליד צו דעם יינגעלע אין „יוגנט-וועקער".

פון די אלע „זאכן" דעמאלט געגעבן קאזדאנען, און שפעטער צוגעשיקטע, אפגעדרוקטע צי נישט, האב איך קיין איינע נישט — דאס איז תמיד דער גורל פון א מענטשן פארווארפן אין גלות.

זייענדיק פאראיארן אין ארץ־ישראל אויף א באנקעט און זיצנדיק גראד בענקל ביי בענקל מיטן קולטור־פירערביים יידישן ארבעטער־רינג פון ניו־יארק און זיין פרוי, און באקענענדיק זיך, הער איך ווי ער זאגט איר, שעפט-שענדיק, אז איך בין דאס דער, וואס האט מיט איבער פערציק יאר צוריק אים געווידמעט דאס ליד.

הייסט עס, אז עס איז דאך אפגעדרוקט און אז עס איז ערגעץ פאראנען — אז „גארנישט גייט פארלוירן" — אפילו א יידיש לידל . .

* * *

שוין דאס אוועק־זיין אליין אויף אפאר וואכן דעמאלט פון בערלין איז געווען א שטיק געזונט -- פון ווילדן גערויש פון געהעצטע הינט! און א ייד, ווי ציטערט ער דאס פאר אנגערייצטע כלבים. די ארבעטער־פארטייען זענען שוין געווען אויף מעסער־שטעך צווישן זיך אפילו; מ'האט שוין נישט געוואוסט „הו איז הו". די טערמינאלאגיע איז געווען א צעמישטע צומאל אויף דער יידישער גאס.

דא איבער דער דייטשער גרענעץ האט זיך געדאכט, אז דאס הארץ רוט זיך אויס — עס האט זיך אבער בלויז אויסגעדאכט . .

גיי איך אזוי שפאצירן בארג־ארויף צו א וואלד־קאפעע צו און פאר מיר גייט א גרופע דייטש־רעדנדיקע; געקאנט זיין פראפעסארן, הערפוטאטן, אלנפאלס אינטעלעקטואלן. איינע א שטימע, א מוזיקאליש־קלינגענדיק פון אן אינטעליגערטער פרוי:

„יא, יא, דער היטלער איזט ווארשיינליך ניכט דער מעסיאס, אבער דער עזל, אויף דען ער צו רייטן קאמען ווירד".

דאס הילכיקע געלעכטער בציבור איז געווען ווי דער קלאנג פון ליידיע ביר-גלעזער.



איך האב שוין דעם בארג נישט דערקלעטערט! האט זיך מסתיע־מילתא געווען, אז אונטן, צופוסנס פון בארג, האבן זיך אויפגעהייבן ד"ר יצחק נח שטיינבערג און ד"ר חיים זשיטלאסקי.

שטיינבערג האט געהאלטן אין איין ריידן, אפילו זיך היצן ווי אין דיס־קוטירן, ווי בשעת רעפערירן. זשיטלאווסקי האט געהאלטן די אויגן אראפגע־לאזט, פון צייט צו צייט זיי אויפגעהויבן און שארף דעם רעדנער אנגעקוקט.

מיך צולאנטשענדיק צו זיי, בין איך געגאנגען ביי דער זייט פון שטיינ־בערג, כדי אייפצוכאפן זשיטלאווסקיס בליק. עס איז געלעגן אין אים ווי עפעס א מין אנטשלוס: וואס נאך ארויסווארפן בחינמדיק רייד?

דאס פרומע אויסזעען שטיינבערגס, דער פאטאס, דער בארג־ארויף, די הדרת־קידש פונם שטילן ארום . .

ווען ער האט גענומען שילדערן לענינען אלס מענטש איז עפעס ארויס־געקומען א גויאיש סקגירעקל, א פארביסן-קליין מענטשעלע, א שוסטערל, וואס קלאפט טשוועקעס אין פארפוילטע זוילן . .

די צעווילדעטע שטאט בערלין האט נאכגעיאגט, געברענט די טריט.

עס איז געווען בין כסא־לעשור און איך האב געזאלט בלייבן ביז איבער יום־כפור, אבער בשעת אויפכאפנדיק זשיטלאווסקיס אזא בליק, ווען ד"ר שטיינבערג האט געשילדערט לענינס שטיין הינטער א שפאניש ווענטל, ווען צווי פארטיי־קעגנער סודען זיך, האב איך שטיל אין מיר באשלאסן: דאך יום־כפור שוין צו זיין צוריק אין בערלין, נישט נאר כדי מיך צו דרייען אין דער כל־נדרי נאכט אין די שולעכלעך אויף דער גרענאדיר־שטראסע, נאר אויך כדי צי קענען „בייוואוינען" דעם אנטי־רעליגיעזן יום-כפור אוונט אין יידישן קולטור־קלוב -— האב איך עס דעמלט ערשט באשלאסן? אדער שוין אויבן אויפן בארג בשעת דעם ביר ליידיקן גלעזער געלעכטער?. .

* * *

איך בין שוין געקומען לאחר המעשה! מ'האט שוין געהאלטן ביי די קאכעדיקע רעדעס. די פלעצער זענען געווען פול באזעצט. שיריים האבן זיך נאך געוואלגערט אויף די טעלער — ס'האט אויסגעזעען יום־טובדיק, אפילו יום־כפורדיק . . רוקט זיך צו מיר צו א יינגערמאן, דאכט זיך אים געזעען אין סטודענטן־היים, און שטעלט זיך פאר: ראפאפארט, א ווילנער."

שפאצירנדיק אויפן וועג אהיים איז באשלאסן געווארן, אז מיר הייבן אן ארויסצוגעבן א ליטעראַרישן זשורנאל: „בערלינער בלעטער".

אייניקע נומערן זענען ארויס. עס האבן זיך אין אים געדרוקט מיינע „בערלינער סאנעטן", וואס האבן געהאט אין זיך די שטימונג פון יענע חדשים; אייניקע קאפיטלעך פראזע, „מארטין", און ארטיקלען איבער מאלעריי. ווען היטלער איז געקומען, איז דער ראפאפארט פארשוואונדן און דער לעצטער נומער איז געבליבן ליגן ביים דרוקער.

ער וואלט מסתם געבליבן ליגן,נאר אין לעצטן נומער איז געווען מיינס אן ארטיקל איבער ארטור סעגאלס מאלעריי — איבער זיין „בליק-פונקט", א מין סינטעז צווישן אימפרעסיאניזם און קוביזם. סעגאל, א באקאנטער מאלער דעמלט אין בערלין, א רומענישער ייד, א פילאזאפיש־געשולטער קאפ, וואס האט רק געזוכט זיך ארויסצודרייען פונם יידישן בליק-פונקט . .

צו דעם ארטיקל האט מיר „פאפא סעגאל" — אויס ליבשאפט האבן מיר אים אלע אזוי גערופן — געגעבן איניקע בלאקן. מילא, א כפרה דאס ארטיקל, דער זשורנאל — אבער די בלאקן ! ! כ'מוז דאך זיי צוריקגעבן „פאפא סעגאל". .

דניאל טשארני האט מיך געהייסן ארויפגיין צום ארט־פארשטייער און ער וועט עס שוין דערליידיקן.

פון די אלע מיינע זאכן אין יענעם זשורנאל האב איך קיין איינע נישט. אטייל פון די סאנעטן האבן זיך אפגעראטעוועט אין דייטשער איבערזעצונג פון ע. וועלער אין א זאמלונג, „שוועלן", וואס איך האב אויך נישט.

דער מאלעריי־ארטיקל האט אויך געמוזט זיין אויפן ארט . . ווייל פונקט צו יענער צייט איז מאקס ליבערמאן געווארן אכציק יאר אלט. האט מיר נחמן מייזל געשריבן כ'זאל אים שיקן אן ארטיקל איבער ליבערמאנען.

דאס ארטיקל האב איך אויך נישט, אבער איך האב עס געזעען אפגעדרוקט דעמלט אין די ליטערארישע בלעטער אויף דער ערשטער זייט — אפילו מיט אילוסטראציעס פון ליבערמאנס בילדער.

די אימפרעסיאניסטיש לעבעדיקע קו ליבערמאנס שטייט מיר נאך יעצט אפילו פאר די אויגן, כאטש נעם און מעלקט זי אויס . .

מאלעריי איז געווען דעמלט מיין „שטעקן־פערד". פיר יאר שפעטער, דעם 18טן נאוועמבער, 1936, האב איך מיין וויזע פון היטלער־דייטשלאנד קיין ענגלאנד — אויף דרייסיק טעג ! — באקומען כדי צו שרייבן א גרעסערן עסיי איבער ענגלישער מאלעריי — איך האב אנגעשריבן און עס איז אויך דערשינען אין אן עקסטרא אויסגאבע „איבער אייראפעאישער קונסט", פון וועלכער איך האב דאך אן עקזעמפלאר.

(המשך אין קומענדיקן נומער)

## דאס פייגעלע —

אויפגעוועקט מיך אינמיטן טרוימען,
אויף א קוימען, א שפיץ בוים, א דאך — —
ביין, עס זינגט נישט, אזוי זינגט מען נישט,
אפנים ס'רעדט צו זיך אויף זיין שפראך.

און יעדן טאג סזעלבע,ווארט פאר ווארט,
ווי געווארנט, גערעדט צו דער זאך.

ווי פארשלאפן כ'בין, כ'כאפ מיך דאך אויף,
אז כ'קאן קוים איינליגן אויף מיין ארט;



כ'הייב אויף מיין קאפ, כ'שטרעק אויס אן אויער,
כ'הארך, כ'הארך, נישט צו פארשטיין קיין ווארט.

טאקע א פשוט קליין פייגעלע,
אבער עפעס־וואס וויל עס דאך פארט.

היינט האט עס מיך ווידער אויפגעוועקט,
„תוכחה" ס'וואלט געלייענט, טראפ ביי טראפ;
און פלוצלינג, אינמיטן פונם ווארט,
מיט א קללה האקט עס אפ — סטאפ !

פאר זיך אליין ס'וואלט זיך דערשראקן — —
כ'בלייב ליגן מיט אויסגעשטרעקטן קאפ.

צי בין איך ווידער איינגעשלאפן ?
א טרוים אזא ? א מיראזש פליט אן ?
ס'פלאטערט מיין הארץ א פויגל אין נעץ :
ס'טראפט בלוטיק א רויטע פאן ?

די בלוי־ווייסע ? די האלבע לבנה ?
שטייט גאנצע וועלט ווידער איצט אין קאן ?

„אויף קוימען," מיינט עס קרעמאטאריע ?
איז דאס באמת פתרון פון טרוים ?
און וואס מיינט אויפן שפיץ פון דעמב ?
און וואס איז דער „שפיץ" פון ווארט בוים ?

און מיינע ליפן שעפטשען צום טראפ :
„ווי לאנג גערעדגל 'לאום מלאום'?

ס'פייגעלע איז מער נישט געקומען !
באגינען און איך ליג אין איין שרעק,
כ'ווארף מיך, כ'וואלגער מיך אן אויפהער,
דעם קאפ אין אלע זייטן איך שטרעק.

און באמת נאך וואס זאל'ס קומען,
האט דען א צוועק זיין פריילינג־געוועק ?

## ט ר י פ ט י ך

1

ווי קנאספן, ווי בלום-בליטן באמבעס אויפפלאצן,
א מלחמה אויסברעכן — אויף צווייג איצט א צוויט;

אוועק איך לייג די צייטונג, אין שאטן כ׳דערזע,
א געבויגענער כ׳זיץ ביים טיש אן אלטער ייד.

איינדרויסן דער הימל אן א פלעקעלע בלוי,
ערשטער פרילינג־טאג איבער דער וועלט דאך אצינד;
אויפן הויף אונטן דאס פרייד־געריש, דאס געשפרונג,
פון אלע הייף ארום דאס אנגעלויף פון די הינט.

אראפ איך קוק, מיינע אויג־אפלען בליען אויף,
מיין אומעטיק הארץ — צעקנאספעטע טרייסט:
דאך מעגלעך, אפשר, אין קומענדיקן גילגול
געבוירן איך וועל ווערן א הונט, ווער־זשע ווייסט?

2

ווען געזעסן אויף בערגל מיט דיר, ארום אונז
די סטאדע, מיט א האלבן יאר־הונדערט צוריק;
איך ווייס נישט צי דו אין מיינע אויגן דעמאלט —
אין דיינע בליקן אבער איך האב געזען גליק.

מיינע גילגולים זייט דעמלט ווער קאן ציילן,
דו ביסט שוין לאנג טויט, וואלדי, אבער אין דיין בליק
איך דערמאן מיך נאך אלץ, ווער אזוינס פארגעסט
פון שטאל ארויס צום ערשטן מאל דעם יונגן ביק.

מיטגענומען דעמלט אויף דער לאנקע ארויס,
איך דער נאז דעם רינג שוין, אין מיין האנט כ׳האלט די שטריק;
ווי אויפגעציטערט האבן מיר ביידע פון זיין מריטש —
זיין בליק אן אויפגעבליצטער אין זיין ערשטן גליק.

3

אז אזא זוניק־ערשטן פרילינג־טאג כ׳הערשפיר,
דעם אייזן רינג אין זיין נאז איך זע אים נאך אלץ,
בלויז דער שטריק, דער שטריק, ער איז נישט מער אין מיין האנט,
ער וויקלט זיך פון אליין שוין ארום מיין האלז — —

אויב א גן־עדן עס איז באמת פאראן,
מיט דיר, וואלדי אויף לאנקע־בערגל ווידער כ׳זיץ
אין דיין הארכנדיקן, אין דיין ערלעכן בליק,
דער הארציק־פריידיקער, דער געטרייער אויפבליץ.

און אז איך וועל טאקע זוכה בגורל זיין,
וועסטו זיך איך דעמלט און איך, וואלדי, גאר דו;



ארום אונז דאס געמעלה־גירה פון בוהאי —
דער שור־הבר צעטאנצט מיט זיין ביקיש געמו.

## ס א נ ע ט

אפגעבראכן אלע צווייגן פון בוים,
דער לעצטער שוין קוים איבערגעבליבן;
איז אלע זאפטן אין אים געטריבן,
אונטער בלויען הימל ווייס-צעבליטער טרוים.

אין ווארעמען פרילינג־טאג — כחום היום,
אין זיין שטילן שאטן זיך פארקליבן;
אז נאך א לידל דאך אנגעשריבן,
גוט, שלעכט? ווי נישט עס איז, אז ס׳גראמט זיך כאטש קוים —

אראפגעפאלן פון בלויען הימל!
א גליקלעכער טאג דעמאל — סאיז גימל!!
ס׳איז דער פתרון־חלום פון דער זאטער קו.

ווילאנג דאס וועט זיך נאך אזוי ציען?
זע, לעצטער צווייג האלט שוין ביים אפבליען — — —
דאך אויב גן־עדן דא? סאיז אזא מין רו.

## ע ל ע ג י ע

— 30 יאר פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד —

מהאט די יידן דעם לעבעדיקן מדבר — פארברענט!
אבער וואו זיינען די ווערטער אהינגעקומען?
ווי שטייט עס דארט: „גוילין נשרפים ואותיות פורחות“!
הער, די פייגל זינגען, די טורטל־טויבן ברומען.

דאס איבערגעבליבן! הארץ מיינס ווי א שועלבל פלאטערט!
זיץ איך שטיל אויף א גארטן־באנק גאנצענע שעהן,
ווי זיס זיי טשוויטשערן, זיי ווארקען און איך ענטפער זיי,
מענטשן קוקן אויף מיר, אויף א מענטשן א גראען —

ווי ער רעדט צו זיך, ווי ער שמייכלט, ווי ער לאכט צו זיך,
מסתם אן אלטיטשקער, וואס אראפ שוין פון זינען — —
יא, מיט די יידיש־ריידנדיקע נשמות רעד איך,
זיי לעבן — און טרערן פון מיינע אויגן רינען.

## סאנעט

צעבליפט פאר צעבליטן בוים געשטאנען,
פריש אויפגעגאנגען אין צווייט און אין גרין,
מיין הארץ ציטערט, א זשומענדיקע בין:
לעב איך דאך נאך, איך בין נאך פאראנען!

און ווי לאנג איז עס דא דורכגעגאנגען,
פון זיינע צווייגן די וועלק־בלעטער פלי׳ן,
און געטראכט, צוזאם מיט זיי כ׳צי אהין,
ליגן צו בלייבן אין לעצט פארוויאנען.

פון וואנען א מענטש קומט נישט צוריק מער.
אדער כ׳בין טאקע שוין צוריקגעקערט,
א מין דבוק אויף דער זינדיקער ערד?

דריי איך מיך נישט ארום, אהין־אהער,
אזא גלגול גאר געקומען צוריק,
וואס זוכט אויף דער וועלט ס׳פארלוירענע גליק?

## אזא פרילינג־תפילה

. . נאך בכוח זיין כאטש אויפכאפן,
א נואנסל פון א קאליר;
קלאנג פון אויפפלאצעדיק קנאספל,
ווען אויף צווייט ס׳טוט זיך א ריר — — —

כ׳וועל דען נאך משיג זיין קענען,
וואס פריער נישט פארשטיין געקענט,
אצינד אז מיינע חושים שוין — — —
זע, די פעדער אין מיינע הענט,

ווי זי ציטערט ביי יעדן אות — — —
אינמיטן אויפשרייבן א ווארט
כ׳פארגעס דערוויל די צווייטע העלפט,
דאך לעבן ווי ס׳ווילטזיך נאך פארט.

## אזא פרילינג־ליד

1

. . וואס זיינען בליטן, וואס באטייטן ביימער,
אויב דאס הארץ עפנט זיך נישט ווי א צווייט?
עס קאן טויט שיטן די שענסטע בלומען
אונטער פארמאטערט מאיעסטעטישע טריט.



דאס צארטע טשוויטשערל צווישן די צווייגן,
א משוררל די וידוי באגלייט — —
די שטילע אייגעלעך טרערן און טרויער,
אין אין וואלאכל ווי זיס ס׳פארגייט.

2

דעם ריח פון דער ערד ערשט ווידער דערשפירן,
ווען איינס און באהאפטן מיט איר כ׳וועל זיין;
דעם דופט פון בלומען און בליטן דערפילן
פון אייגענע גלידער זיי וועלן אויפגיין.

כ׳בין עס דאך געווען און געשריבן לידער,
וואס אליין צומאל כ׳קאן שוין נישט פארשטיין;
א פינסטערער גרוב די צעגריבלטע וועלט
און ווי מיד, מיט מיינע טריט כ׳וועל זי דערגיין.

## חזק חזק ונתחזק

דר. ש. לעווענבערגן

אויף די ווייטשעפלער יידיקע שולן
איך האב קיין קאפ רחמנות ניט;
וועלן זיי דאך מיטגיין קיין ארץ־ישראל,
מיטן לעצטן מנין־ייד.

איך אבער מוז דא שוין בלייבן,
ביז דערשרייבן כ׳על מיין לעצט ליד.

אז די שכינה אויסגעהאלטן אין גלות,
אזוי לאנג, א גאט, אזוי לאנג,
מוז דאך א בידנער יידישער פאעט
דערזינגען אויך זיין לעצט געזאנג.

„גלות, א גלות, ווי גרויס ביסטו?“ און ערשט
ווי גרויס דאס גאולה־געזאנג!

ווען דאס לעצט ליד כ׳וועל האבן דערזונגען,
נאך ירושלים אויפגיין,
און מיין יעדער טראט אין די גאסן דארט,
א פארשוויגן ליד עס וועט עס זיין.

א פארטיפט־אטעמדיקס: „גלות, א גלות — —“
וואס גאט אליין נאר וועט עס פארשטיין.

## א ליד — פאר ע. וו. —

וױ לאנג וועט עס דען נאך נעמען,
איך בין דאך גרייז־גרוי שוין און אלט;
איין שמונה־עשרה אויסדרייען,
ביי איין עלינו נאך אויסשפייען —
אז אומשטערבלעך כ׳בין דאך שוין באלד!

פאר מיינע כתבים כאטש זארגן?
קאנען זיי אליין נישט באשטיין,
אליין־זשע פאר זיך נישט ריידן,
ז׳וועלן דעם טויט נישט אויסמיידן,
אין שבעים־לשון צומאל זיין.

איז וואס-זשע דעם קאפ זיך דרייען?!
און זאל עס שוין גיין ווי עס גייט;
פאר איין ליד — אייך רגע לעבן,
אומשטערבלעכקייט אוועקגעבן
גאנץ איך בין קאפאבל און גרייט.

## צוויי לידער

1

ווען ס׳בילט א הונט קייגן דער לבנה,
ס׳ליד פון די לידער נישט אויפגעשריבן;
עס ווייסן׳ס די, וואס אינם לעבן
ווי בלודנע הינט זיך ארומגעטריבן.

ווען א בוהאי וויסט זיך צעמריטשעט,
זיינע גלידער צעשפרינגען פון ליבע;
אזא זינגען רייסט זיך ווילד אין אים,
ער פארשטייט׳ס נישט און ווייסט נישט די סיבה.

הערנער הייבן אים אן צו וואקסן,
זיינע טלאען שפאלטן זיך פון טאנצן,
האצקעם א נעם־געבן, זי האלטן,
די וועלט ווי זי שטייט און גייט אינגאנצן.

מיר שלייפן פגימותדיקע ווערטער,
מינדסט געפיל — א פייל אין ציל געטריבן!
און אויב נישט אין ציל פונקט געטראפן,
ווערט עס כאטש מיט לידער אויפגעשריבן.



2

„ושכבתי עם אבותי"

דער הימל ווי לויטער, ווי בלוי,
לויטער גרינס אונטער מיין טראט,
אין מיר טאפענדיקער חושך —
אין בויך פון דער ערד א קראט.

מיין טאטע, ווען אויפגעהויבן
דעם קאפ, געווען לויטער גאט;
לויטער געלויכטן זיין ווארט,
ווער ער׳ס ארויסגערעדט האט.

הימל און ערד, לבנה, שטערן,
איין קיילעכדיקער אחד,
ערשט ווען זיינע ליפן געשוויגן —
בגילופין מלא סוד.

„אשר הכין מצעדי גבר",
ווי ער׳ס ארויסגערעדט האט —
די שמחה אין קול איצט נאך כ׳הער
אזוי ביזן לעצטן טראט.

ח. נ. בענקוויטש

## ר׳ יעקב קאפל גאלדבלום, ז״ל

עס איז געווען א געוויסן שבת נאכמיטאג, נאך א פארטראג בעברית, געהאלטן פון ר׳ יעקב קאפל גאלדבלום ז״ל, אינם זאאל פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, קאמערשיאל סטריט, נישט ווייט פון דער אונטערגרונט־באן סטאציע, אלדגייט, אז איך האב דאס ערשטע מאל געהאט א שמועס מיט אים פערזענלעך, הגם איך האב אים שוין פריער געהאט באגעגנט אייניקע מאל. מיר זענען געווארן לאנג־יאריקע פריינט. עס איז געווען אין ווינטער פון יאר 1900.

נאך אט דעם פארטראג האט מען זיך צערעדט איבער פארשיידענע ענינים. דאס רוב פונם עולם איז באשטאנען פון עלטערע יידן, מיט מיר, א בחור פון א יאר זיבעצן.

רעוו גאלדבלום האט מיך געפרעגט צי איך לייען און רייד עברית. איך האב אים געענטפערט, אז לייענען לייען איך יא, אבער רעדן רייד איך ווייניק. דערנאך זענען מיר אריבער צו פראגן וועגן מיין פריוואט לעבן. האט מיר דערציילט, אז ער איז באקאנט מיט מיין פאטער און ווייסט, אז ער איז איינער פון די בעסטע מלמדים דא אין לאנדאן.

צו יענער צייט, גלויב איך, האט גאלדבלום געהאט געגרינדעט די רעד־מאנס-רויד תלמוד־תורה עברית־בעברית.

באלד בין איך געווארן א מיטגליד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, באשטייערנדיק מיך צו צאלן איין פעני א וואך מיטגלידס־אפצאל. צו דעם צוועק איז געווען א קאלעקטאר, וואס האט צונויפגעזאמלט דעם אפצאל יעדע וואך.

יידן־ציונים פלעגן קומען יעדן שבת בייטאג אינם זאאל אריין פון אט דער תלמוד־תורה הערן רעוו. גאלדבלום רעדן איבער ציוניזם און פונם לעבן

פון אנשי־השם. אויפגענומען האט ער יעדן איינעם בסבר פנים יפות, אליין נישט זייענדיק קיין רודף אחר הכבוד. זעלטן האב איך אים געזען אין כעס אדער פארביטערט אין משך פון די אלע יארן פון מיין צוזאמענארבעט מיט אים פארן ציוניזם און פאר דער תלמוד־תורה.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאנגרעס האט דערפירט צו כלערליי צרות דורך דעם אוגאנדא־פארשלאג. הערצלס שונאים האבן געפונען געלעגנהייטן אים צו דערנידעריקן, קריגערייען זענען אויסגעבראכן צווישן ציוניסטן און טעריטאריאליסטן, מיט זאנגוויל בראש, און עס זענען אויך געווען מחלוקות צווישן ציוניסטן און ציוניסטן . . אין אט דער האזיקער סיטואציע האט ר' יעקב קאפל גאלדבלום געזוכט איינצוהאלטן א שלום. אויך אנדערע איבערגעגעבענע הערצעליסטן האבן זיך באמיט איינצושטילן די קריגעריי און די העצעריי, צווישן וועלכע ס'איז געווען דער חכם ד"ר גאסטער און שייער, א פריערדיקער אנארכיסט און איצט א ציוניסט. פלוצלינג אבער איז אנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז הערצל איז טויט! כמעט יעדער איינער איז געווען ביי דער מיינונג, אז אוסישקין האט אים מקצר ימים געווען . .

בשעת א גרויסן ציוניסטישן מיטינג אין שארדיטש טאון־האל, וואו די הויפט־רעדנער זענען געווען נחום סאקאלאוו, אוסישקין און ד"ר חיים ווייצמאן, געדענק איך, איז אושיסקינס א שונא צוגעגאנגען צו אים און אים דערלאנגט א פאטש אין פנים אריין . . דוד וואלפסאן, הערצלס איבערגעגעבענער פריינט, האט, אויף אט דעם מיטינג, אויך געהאלטן א רעדע מיט הארציקע רייד און אמתע טרייסטווערטער, וואס האבן אונז בארואיקט. צו יענער צייט איז עס געווען א זעלטנהייט צו האלטן אזא רעדע.

עס האט זיך נישט געפונען קיין ממלא־מקום אויף הערצלס ארט. ווען און וואו נאר מעגלעך האט רעוו. גאלדבלום געזוכט צו ברענגען שלום אין די ציוניסטישע רייען אריין. אזויווי פערזענלעך איז ער געווען איינער פון הערצלס אמתע נאכפאלגער, האט ער זיין בן־זקונים א נאמען געגעבן הערצל. שפעטער זענען מיר, גאלדבלום און איך, געווארן מחותנים: שולמית, מיין טאכטער, האט חתונה געהאט מיט זיין פרויס א פלימעניק, דוד.

א צאל יארן פלעגן מיר ארגאניזירן א יערלעכן באזאר פארן קרן־קימת אין דער ווייטשעפל ארט־גאלערי. מיד שוין פון א גאנצן טאג אין דער תלמוד־תורה, אבער רעוו. גאלדבלום פלעגט דאך קומען אויפן באזאר. און אז יונגוואַרג האט זיך צעטאנצט, האט ער ממש פארגעסן זיין שוואכקייט און זקנה און מיטגעטאנצט מיט אלעמען.

יענע יארן האט זיך געגרינדעט דער בית־ציון פאריין אין פולבארן סטריט, ווייטשעפל. דער קאמיטעט איז באשטאנען פון מאריס מייער, רעוו י. ק גאלדבלום, הרב זינגער וויליאמס, אברהם מארקס און מיר, וואס זענען פארבליבן אלס קאמיטעט־מיטגלידער יארן און יארן. עס איז באמת געווען א פארגעניגן צו ארבעטן צוזאמען מיט זיי ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך אליין בין געווען אן ערך צען יאר יונגער פון זיי.



רעוו. גאלדבלומס קינדער, איבערהויפט דבורהלע, דער איידעם שמחה און זיין בן־זקונים, הערצל, האבן כמעט געצוואונגען אים מיט דער פרוי אוועקצופארן קיין קאנאדע, כדי אויסצומיידן דא די מלחמה. און באלד נאך דער מלחמה האבן די קינדער זיינע געמאכט פאר זיי א בואכם לשלום סעודה. אזוי ווי איך און מיין משפחה זענען געווען אריינגערעכנט אין דער פאמיליע האט מען אונז אויך איינגעלאדן צו אט דער סעודה, וואס איז פארגעקומען, אויב איך האב קיין טעות נישט, אין גוידס רעסטאראן.

אומפארגעסלעך איז געווען ווי ער האט געשילדערט זיין לעבן אין קאנאדע, ווי גוט מען האט אים דארט אויפגענומען, אבער די זארג פאר זיינע קינדער אין לאנדאן, משפחה, פריינט און בכלל כל־ישראל האט אים נישט געקענט מאכן זיין לעבן דארט אנגענעם. גערעדט האט ער מיט טרערן אין די אויגן, ארויסרופנדיק טרערן אויך ביי אונז אין די אויגן.

ווידער האט ער מיט אלע כחות זיך אריינגעווארפן אין דער ארבעט פארן ציוניזם און דער תלמוד־תורה כל־זמן ער האט נאך געקענט. ווען זיין פרוי איז געשטארבן, האט זיין טאכטער אים גענומען צו זיך און אים געהאלטן בכבוד. אפט פלעג איך דעמאלט קומען צו אים אויף באזוך.

א גרויס אומגליק, רחמנא לצלן, האט מיט אים פאסירט עפעס מער ווי א יאר פאר זיין טויט: הערצל — זיין בן־זקונים און באמת איבערגעגעבענער נאכפאלגער — איז אים געשטארבן, אלט־זייענדיק נישט מער ווי פיר און פופציק יאר. נאטירלעך בין איך ביי אים געווען צו זאגן עפעס א טרייסטווארט, אים מנחם־אבל צו זיין, אבער זיינע טרערן האבן אבער קיינמאל נישט אויפגעהערט, כסדר האט ער געהאלטן אין איין אויסדערציילן די מעלות פון מעזיניק פון קליינוויז אויף. אט דער זון האט איבערגעלאזט נאך זיך צוויי גראטענע טעכטער.

די לעצטע יארן זיינע האט ר' יעקב קאפל גאלדבלום פארלעבט בכבוד, מיט נחת ביי זיין טאכטער פון אירע ביידע גראטענע זין וויסנשאפטלער. מיטן זיידן אבער פלעגן זיי רעדן נאר עברית. אזוי האט ער מיר דערציילט. איינער פון זיי פארנעמט א פאסטן אין אן אוניווערזיטעט אין אמעריקע און דער אנדערער — אינם ווייצמאן־אינסטיטוט אין רחובות, מדינת־ישראל.

אין חיפה האט מען אויף גאלדבלומס נאמען געגרינדעט א מעדון מרכזי. די גרינדונג גופא איז טאקע פארגעקומען ביי מיין טאכטער אין הויז, מיין מקום־מנוחה איצט.

א חברה פון מיין טאכטער, שרהלע, באקאנט אלס סעללי גאלדנער, וואוינט שוין לאנגע יארן אין חיפה. קומענדיק אמאל צוגאסט קיין לאנדאן, האט זי מיין טאכטער מודיע געווען, אז עס געפינט זיך נישט קיין צענטער אין חיפה, וווּ עולים פון ענגלאנד זאלן זיך קאנען טרעפן. צוליב דעם האט סעללי גאלדנער, מיין טאכטער, איינגעלאדן אייניקע ציוניסטישע פריינט, איבערהויפט דעם באוואוסטן ציון־טוער, נתן גאלדענבערג, און מען האט באשלאסן צו גרינדן אזא מרכז דארטן און דער מרכז זאל טאקע זיין אויפן נאמען פון ר' יעקב

קאפל גאלדבלום! פאנדן האט מען, נאטירלעך, באלד געזוכט צו שאפן פאר דעם צוועק, און די טאכטער מיט איר מאן, דבורהלע און שמחהלע, האבן פיל צוגעהאלפן דערצו.

זיין געביין האט מען אויך אריבערגעפירט קיין ארץ־ישראל.

ויהי זכרו ברוך!

יוסף וו. פ. סטאפעלמאן

## מיר האבן זיך באגעגנט . . א דאנק דעם ענגלישן זומער!

עס איז געווען א סמוטנער, שווער־באוואלקנטער זומער־זונטאג אין די פריע צוואנציקער יארן פון אונזער יארהונדערט, א טאג פון נודנעקייט און באטריבט זיין אין א לאנדאן, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט יראת־שמים און יראת־חטא. אין דער פרי האב איך גראד געהאט אנגעשריבן איך וויים שוין נישט דאס וויפלדיקע ארטיקל פאר מיין ציימונגס־רעדאקטאר אין האלאנד, וואס מען האט אים ממש נישט געקענט אנזעטיקן מיט ארטיקלען, איבער „דעם געננוס פון א זומער אין לאנדאן" און מיך געפילט אלס אן אומפארמיידלעכע רעאקציע בשעת מען מוז אזוי פיל אויסנוצן די פאנטאזיע — גלייכגילטיק און אומנוצלעך. אבער א חבר מיינער, מיט וועמען איך האב געוואוינט אין איין צימער, אן אנפאנגער זשורנאליסט פון איטאליען, איין און צוואנציק יאר אלט, פונקט ווי איך, האט מיך אנגעזידלט און אויסדריקלעך מיר פארגעווארפן, אז איך האב נישט קיין שום סיבה מיך צו פילן געדריקט.

— דו דארפסט אן אפוועקסלונג — האט ער געזאגט. — קום, מיר וועלן אריבערגיין צו מר. איקס אויף גארדאן־סקוועיר.

— וואס וועלן מיר דארט טון?

— וואס הייסט וואס? יעדן זונטאג נאכמיטאג קומט זיך דארטן צונויף אן עולם יונגע קינסטלער, שרייבער, סקולפטארן, מאלער, מוזיקער; מכל המינים.

— נו?. .

— דער מר איקס איז א מענטש מיט געשמאק — ער גלויבט אין יוגנט. ער רעדט וויאזוי מען קען דערהייבן די מאסן, בויען א נייע און בעסערע וועלט! ער אליין איז אויך א קאמפאזיטאר, שאפט מוזיק צו געדיכטן און דערנאך שפילט ער אט די מוזיק אויף זיין קלאוויר, צוזינגענדיק דערצו יעדער איינער ווערט מיטגעריסן!. .

— מיר קלינגט עס ווי ער וואלט געווען א שרעקלעכער נודניק.

— אפשר, אבער דו וועסט דיך נישט האלטן ביי דער מיינונג ארום פינף אזייגער נאכמיטאג, ווען מען שטעלט דארטן טיי! עס איז באמת א רייכלעך מאלצייט אן אויסגעצייכנטס. דאס איז דאס איינציקע ווארט עס צו באשרייבן. זער בריטיש — און זער זער גוט. עפלקוכן איז א ספעציאליטעט אין דעם הויז!



אווירקלעך ענגליש טיי־מאלצייט, נאך מיט עפלקוכן דערצו, און בחינם! ס'איז געווען א נסיון נישט ביצושטיין. הכלל, מיר זענען אהין צו מר. איקסעס הויז און די עטלעכע און צוואנציק געסט, וואס האבן שוין געהאט זיך פארזאמלט ביי אים אין סאלאן.

מיין איטאליענישער פריינט האט נישט איבערגעטריבן — עס איז געווען א באצויבערנדיקע איבערלעבונג. פון צייט צו צייט האט עס דארט אביסל געלארעמט ווען מר. איקס האט געמוזט ממש שרייען, ווענדענדיק זיך צו אונז. זיין ענטוזיאזם האט טיילמאל דערגרייכט געפערלעך־הויכע גראדן, און דער קלאוויר האט געוועזן קרעכצן אונטער זיין אומרחמנותדיקן קלאפן מיט די קלאווישן. א יונגער מוזיקער, וואס האט פיינט געהאט באך און בעטהאווען, האט געהאלטן א לאנגע רעדע, נאך וועלכער ס'האט זיך אנטוויקלט א כאאטישע דיסקוסיע איבער דער און אנדערע טעמעס. אבער די טיי, דאס טיי־מאלצייט! עס איז געווען הערלעך מיט די פארשיידנארטיקע מאכלים, אומפארגעסלעך צוליבן פארגעם און פון גרויסער עקאנאמישער וויכטיקייט, מחמת עס האט אונז איינגעשפארט די הוצאות פון א נאכט־עסן און אפשר אויך פון א פרישטיק צומארגנס . .

גאנץ גיך איז די צייט פארביי. דערנאך ווען די טעפלעך טיי זענען שוין געווען לעער און די מאכלים פארשוואונדן, האט די טיר פון סאלאן זיך געעפנט און א נייער גאסט איז אריינגעקומען.

עס איז געווען א זער יונג מיידל, פון נידעריק געוואוקס, אבער פיין געבויט, מיט רעגולערע און איידעלע געזיכט־צוגן, קלארע העל־ברוינע אויגן און העכסט־פרעכטיקע האר. זי האט געהאט מיט זיך אזא גרויסן פארטפעל, אז מען האט קוים געקענט גלויבן זי האט געהאט כוח אים צו טראגן אפילו די קלענסטע שטרעקע.

— אהא! — האט אונזער גאסטגעבער פריידיק אויסגערופן — מיינע יונגע פריינט, דאס איז די באגאבטסטע, אממערסטן־צוזאגנדיקע מאלערין און צייכנערין פון אונזער צייט. עס איז קלארא קלינגהאפער —; פארגעסט נישט איר נאמען! א געוויסן טאג וועט זי זיין פונקט אזוי בארימט ווי די גרויסע האלענדער און איטאליענער און שפאניער, וועמעס מאלעריען באצירן און פארהערלעכן די ווענט פון אונזערע אפט אומדערטרעגלעך לאנגווייליקע מוזעאומס!

דאס יונגע מיידל האט געלאכט און געשאקלט מיטן קאפ אויף ניין. — א, מר. איקס, איר הויבט שוין ווידער אקאון גייט צו וויט! — האט אויפגעעפנט איר פארטפאל און מיר אלע האבן איקאמאסע זיך געשטעלט ארום איר בשעת זי האט ארויסגענומען איין צייכנונג נאך דער אנדערער אונז צו ווייזן. עס זענען דארט געווען פען־און־טינט טושאווקעס פון מיידלעך און פרויען; פען צייכנונגען, לייכטע אבער אומגלויבלעך־סענסיטיווע פון קליינע קינדער: שלאפנדיקע, זויגנדיקע, שמייכלענדיקע . . קיינמאל פריער אין מיין לעבן האב איך נישט געזען געהאט אזא מייסטערהאפטע צייכנונג־קונסט. און בשעת

קלארא קלינגהאפער האט אונז געוויזן איר ארבעט, האט זי נישט ארויסגערעדט אפילו איין ווארט. דאס פנים אירס איז געווען הייטער, מיט כמעט אן אויסדרוק פון מוטערלעכער ליבשאפט.

ווען דאס וויזן די בילדער האט זיך געענדיקט און מר איקס האט געהאט אפגעהאלטן נאך א לויב־רעדע איבער די פליכטן פונם קינסטלער אין א הארטער וועלט, האט דער עולם אנגעהויבן ביסלעכווייז זיך צו צעגיין. מיר איז עס עפעס געלונגען צו זיין צווישן די לעצטע אהיימצוגיין.

איך האב געהאלטן א וואכזאם אויג אויף קלארא קלינגהאפער און ווי זארגפעלטיק זי האט צוריק ארגאנזשירט דעם ווערטפולן תוכן פון איר פארטפעל. נאך דעם ווי זי האט אים פארמאכט, האב איך עפעס געפונען מוט איר פארצושלאגן, אז אפשר וועט זי מיר דערלויבן צוצוטראגן אט די שווערע זאך צו אן אויטאבוס אדער פריוואטן אויטאמאביל, מיט וועלכן זי האט בדעה צו פארן אהיים. זי האט אנגענומען מיין אנבאט און פון יענעם אומפארגעסלעכן נאכמיטאג אן האב איך שוין געהאט דעם כבוד ארומצוטראגן קלאראס ארבעט אויף פארשיידענע מקומות בשעת אומציילבארע געלעגנהייטן סאי במשך די חדשים פאר אונזער חתונה סאי פערציק לאנגע יארן דערנאך.

א נייע וועלט ממש האט זיך פאר מיר געעפנט מיט מיין אריינטרעטן אין דער קלינגהאפער משפחה. איך אליין א געבוירענער אין האלאנד, וואו מיינע אבות־אבותינו האבן געלעבט הונדערטער יארן, האב איך געהאט א קנאפע אנונג פון יידיש אלס אן אומגאנג שפראך אדער אלס א מיטל פאר פראזע און פאעזיע פון דער ערשטער מדרגה. לכתחילה איז מיר יידיש־לשון געווען גאנץ אומפארשטענדלעך; שפעטער אבער איז מיר מיין קענטעניש פון מאדערן דייטש ביסלעכווייז געקומען צוהילף, אזוי, אז במשך פון עפעס איבער א יאר האב איך שוין פארשטאנען יידיש גענוג צו קענען א נישט־צופיל קאמפליצירטן שמועס נאכפאלגן מער־ווייניקער און אפילו איבערלייענען אליין די קעפלעך אין יידישע צייטונגען, אין מאריס מייערס „די צייט“ און אין ניו־יארקער „פארווערטס“. יהושע פאדרוזשניק, מיין שפעטערדיקער שוואגער, איז פערזענלעך געווען א קעמפער פאר יידיש אלס א ליטערארישע אויסדרוק־פארם פון דער ערשטער קאטעגאריע, און האט טאקע זער פיל געשריבן אויף אט דער טעמע. זייט ביי זייט איז מיט אים געשטאנען דער זשורנאליסט און שרייבער לעא קעניג, וואס איז געווען אזוי פול מיט לעבן.

איך פלעג אים אפט טרעפן אין קלינגהאפערס קרייז. ער האט באוואונדערט איר קונסט און געווען איין דער ריי פון אירע ערשטע מעגלעכע „פאזירער“ פאר די פארטרעטן, וואס זי פלעגט מאלן. ער האט געהאט א גוט אויסזען, טונקעלע האר, און בכלל געווען א גוט געבויטער מענטש, מיט די מאניר פון א דזשענטלמאן, אבער באשאנקען מיט די שארפע אויגן און אויערן פון א „נאטירלעכן“ צייטונגס־מענטש. קלארא האט אים געמאלן אין זיין באליבטער „טראכט“: א קלאר־ווייס העמד מיט אויפגעבלאזענע ארבל און א שיין־געקנופטן שווארצן שניפס, וואס האט ווי פארבונדן זיין געשפיצטן קראגן מיט



די טונקעלע הויזן. די ליפן פלעגן אים זיין פעסט געשלאסן, און זיינע לעבעדיקע אויגן — געווענדט אויף א פונקט אוועק פונם קינסטלער.

אן ספק האט לעא קעניג אפעלירט דער יונגער, צוואנציק יעריקער קינסטלערין אלס א מוסטער פון יענע איסט־ענדער אינטעלעקטואלן, וואס זענען שטאלץ מיט זייער אפשטאם און הינטערגרונט און אזוי גרייט זיך צו טיילן מיטן וויסן פון זייער אויסערגעווענלעך רייכער יידיש־ליטערארישער ירושה. זי האט אים געמאלן ווי זי האט אים געזען: אין שטארקע קאנטראסטן



לעא קעניג געמאלן פון קלארא קלינגהאפער

אין פארגלייך מיט אסך פון אירע ערשטע מאדעלן ווי דעם פאטריארכאלישן ר׳ הירש מיט דער ווייסער בארד; אדער בראדעצקי, פאטער פין דעם באוואוסטן וויסנשאפטלער, וועמעס נאמען איז געגעבן געווארן געוויסע גאסן אין סקווערן אינם ווידערגעבוירענעם ארץ־ישראל; אדער ווי יענעם גרינצייג־הענדלער, וואס מען פלעגט אים רופן „באנאנעס״, און וועלכער האט אויך פארקויפט ליכט און צינד־העלצער. זיין פאזע פאר דעם יונגן מיידל איז געווען מיט אזא הכנעה, שווערע אויגן־לעדלעך, בליקנדיק גדאנקענלאז, מיט אן אלטן הוט, וואס איז געווען צו גרויס פאר אים און אים אראפגעפאלן איבער די גרויסע אויערן, אן אלטן, אפגעבליאקעוועטן פאלטן, וואס האט געשאפן דעם איינדרוק פון א גיפס־פארם ארום זיין לייב . .

לעא קעניגס פארטרעט, פריש און „לעבעדיק״ היינט־צו־טאג פונקט ווי אין 1921, ווען קלארא קליינגהאפער האט אים געשאפן, געהערט צו די סאמע בעסטע כאראקטער שטודיעס פון איר פריער צייט, פון אט דער סביבה, מיט וועלכער זי איז געווען אזוי אינטים באקאנט: די לאנדאנער איסט־ענד, וואס איז געווען אזוי רייך אין שאטירונגען פון אינטערעסאנטע יידישע טיפן און שפראצנדיקן מאטעריאל און אינטעלעקטועלע אמביציעס.

פון ענגליש איבערזעצט,
**א. אלמוג**

---

יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און יידישער
זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין

---

**זונטיק, דעם 3-טן יוני, 1973, פונקט 3 א זייגער**

**אין**

21 DEAN STREET, LONDON, W.1

**ב י א ל י ק - פ א ר ז א מ ל ו נ ג**

(צום 100־טן געבוירנטאג פונעם נאציאנאלן דיכטער)

טעמע:

**ביאליק באזינגט פיר יסודות פון יידישן קיום**

(תורה—מלחמה—אסימילאציע—ציוניזם)

רעדנער:

שמואל גאלדשמידט    ד״ר מאיר גערטנער

רעציטאציעס:

רעוו. ליב בריל    דוד יותם גערטנער

פארזיצער: יוסף פרענקעל

---

איינטריט פריי    קומט אין צייט



## כאטש דערמאנען זייערע נעמען

לעצטן שבת, ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס, האט מען צו די שלושים פון דוד איינהארן ע״ה גערעדט איבער זיין דיכטונג און איצט ביים שליסן דעם היינטיקן נומער „לשון און לעבן״, הערן מיר די ידיעה אז אפרים אויערבאך איז אויך שוין נישטא.

איינהארן, דער אנהייבער פון אונזער מאדערנער ליריק, דער פאעט פון „בריאזקעלע״, דער פארליבטער אין די ווייטע ליטווישע פליינען שטארבט איינזאם אין ווייטן ניו־יארק אין א זקנים הויז.

אויערבאך, איינער פון די „אינזיכיסטן״ אקטיוו אין יידישן קולטור לעבן אין אמעריקע איבער א האלבן יארהונדערט שטארבט אין תל־אביב אין ביילינסאן־שפיטאל.

ס׳ווערט אזוי טרויעריק אויף דער נשמה! אפילו דער פעסעמיסטישער קוהלת־טרייסט פון „דור הולך ודור בא״ איז אויך נישט אונז געגעבן.

אונזער מזרח-וואנט ליידיקט זיך אויס, די אלטע בעלי־תפילות גייען אוועק — ס׳ווערט ליידיק אויף דער נשמה.

די פרומע יידן באזארגן זיך, מיט מנין־יידן, מיר וועלן בלייבן ביי גאר נישט. נישט אפילו ווו אונזער ספרים־אלמערל אוועקצושטעלן.

די איוב־בשורות יאגן אונז ממש נאך! ווילאנג איז עס ערשט ווי מיר האבן געהערט, אז דער נאך „יוגנגדלעכער״ יעקב פרידמאן, די מיסטיקער צווישן אונזערע יונגע פאעטן איז אויך שוין נישטא.

עס ווערט אזוי טרויעריק אויף דער נשמה!

כאטש היילקן זייערע אומשטערבלעכע נעמען מיטן אפדרוקן אייניקע פון זייערע לידער.

ש.

ד ו ד  א י י נ ה א ר ן

## געשטארבן דער לעצטער בעל-תפילה

געשטארבן דער לעצטער בעל־תפילה,
פארשלאסן שטייט איינזאם די שול,
די פענצטער פארשלאגן, און שאטנס
פארשעמטע, זיי מאכן זיי פול.

עס ליגט, ווי אן אייביקער טרויער
אריבער די נאקעטע ווענט
און אונטער דער קרוין פון כהונה
פארבראכענע רוען צוויי הענט.

געשטאָרבן דער לעצטער בעל־תפילה,
ניטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין.
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תמיד
ביי זיך אין ווינקל אַליין.

און שטיל אויף די טרעפּלעך פון ארון
די שכינה אין עלנטע שטייט;
איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער
אין שוואַרץ, ווי די נאַכט, איז איר קלייד.

און ס׳דוכט, אירע ליפּן זיי מורמלען
א שטילעס א לעצטעס געבעט,
און ס׳הערט זיך א שטים פון פּרוכת :
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט !. .

## א תפילה

א גרויסער גאָט !
איך בעט דאָך אַזוי ווינציק,
ווי קליין עס איז און נישטיק מיין באַגער :
א קבר גיב מיר נאָר,
וואו איך זאָל רואיק ליגן
און פאַלן זאָל אויף אים
מיין אייגן קינדס א טרער.

און וויסן זאָל איך, ווען איך וועל מיין אויג פאַרמאַכן,
אַז אונטער יענעם בוים וואָס וועט מייך רו באַשיצן,
וועט אין א זומער טאָג אַן אוראייניקל זיצן
אין לעזן שטיל פון מיין מצבה־שטיין,
דעם נוסח דאָרט, געקריצט אין שפּראַך פון מיינע אבות
און לעזנדיק, די ווערטער כאַטש — פאַרשטיין.

ניין !
איך דאַרף נישט דיינע הימלען . .
אויב זיין א שאָטן איז מיר דאָ באַשערט,
נעם צו ביי מיר די אייביקייט — פון אויבן
און שענק מיר דאָ
א ווינקל אויף דער ערד.



דאָס איז די ערגסטע שטראָף,
צו שטאַרבן אויף די וועגן,
נישט וויסן, וועלכער פוס
וועט טרעטן אויפן אָרט,
וואו ליגן וועט מיין קאָפּ
און שוועבן מיינע טרוימען,
וווּ אָפּקלינגען אין לופט,
ווערט שטיל מיין לעצט וואָרט.

יעקב פרידמאַן

## דער איינציקער

אַלע ליפּן ווערן פעלדזן אין דער נאַכט.
קיינער שרייט ניט.
אויף שטיינערנע קעמלען, מיטן שליאַך,
קיינער רייט ניט.

צווישן פאַרפרוירענע שטערן — דער ווינט
האָט אַליין זיך פאַרלוירן.
ערגעץ גייען מאַמעס צו־קינד
נאָר קיינער ווערט ניט געבוירן.

דער איינציקער, נאָך אַלעמען, וואָס בלייבט,
אונטער וועלבונגען פאַרכמאַרעטע,
איז דער שוואַרצער קוטשער, וואָס טרייבט,
די פינצטערע קאַרעטע . .

אפרים אויערבאַך

## אברהם פלאַנצט אַן איישלבוים

פריער האָב איך דאָ א ברונעם געגראָבן,
איצט — אַן איישלבוים פאַרפלאַנצט.
און נאָך אַלץ פון זיך דעם שטויב נישט אָפּגעשאָבן,
און נאָך אַלץ מיט גאָט זיך נישט פאַרגאַנצט.

פון די טיפענישן שלאָגט אַרויס דאָס וואַסער,
אין די טיפענישן שלאָגט אַריין דער בוים,
אויף די פּלייצעס מיינע הויקערט תרח׳ס משׂא,
ס׳ווייִנט ישמעאל נאָך ביי מדבר׳ס זוים.

האָסט מיך, ג־אָט, געשיקט פאַר דיר אין קאַלעכאַוויון,
איך אַליין אין פייער האָב זיך אויסגעפּראַוועט,
נאָר דאָס ווידער־קול פון מיינע אָפּגעשיילטע קרובים
אין דער מדבר־נאַכט הער איך נאָך אַלץ ווי ס׳רופט.

ס׳וועט דער אײשלבוים דאָ וואַקסן אין באר־שבע,
זיינע וואָרצלען צו מיין ברונעם צוגעקלעפּט,
אָבער איך וועל הערן נאָך ישמעאל׳ס רעווע,
דער לעצטער טראָפּן פון קרוג אויסגעשעפּט.

דיך־דערקענטעניש האָט מיר אַ ליכט־קוואַל אויפגעעפנט,
כ׳האָב דעם איבער־מיר דערשפּירט אין מיר אַליין,
נאָר דעם סוד, ווי נידער־מיר אין פּשוט׳קייט צו טרעפן
ליגט פאַרהוילן אינעם גרויען, שטומען שטיין.

און פאַרהוילענער איז נאָך דער מענטש, ווי איך, ווי שׂרה,
וואָס צעריסן איז ער צווישן שלעכט און גוט,
וואָס אַ סך מאָל שיילט ער שטיקערווייס פון זיך די קאָרע
און דערגייט, אַז ביידע זענען אייגן בלוט.

כ׳האָב געבעטן, ג־אָט, ביי דיר, פאַר סדום און פאַר עמורה,
פאַר די פופציק, פאַר די צען, פאַר איינעם נאָר,
און אַצינדערט ווער איך ערשט אין זיך אַליין געוואויר,
אַז פאַר מיר איז דאָס געבעט, און פאַר מיין דור.

כ׳האָב צעפופציקט זיך, צעצענטלט זיך, צעדריבלט,
און דערנאָך געלאָזט אַ טײלעכל, אָן איינס,
פאַרן אַרעמסטן אין שטרוי־ און ליימיק־שטיבל,
פאַרן פינטעלע אין מיר, דעם קווינטל ריינס.

האָסט פאַרברענט, פאַר׳משפט מיך, און אַלע סדום׳ען,
וואָס דעם מענטש אין זיך צו טראָגן איז באַשערט —
כ׳פלאַנץ אַן אײשלבוים פאַר דיר, צו הייליקן דיין נאָמען,
מיט דער צווייג זאָל גרינען מיין טרויער אויף דער ערד.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

6־9 (העפט 16־413) 34־סטער יאָר יוני־סעפּ. 1973 לאָנדאָן

אינהאַלט:

דער באַרדיטשעווער, אַ קליינע אליהו הנביא באַלאַדע, דעם ניישטעטערס איניקל א.א. °°° 3
אין דוד המלך׳ס גאָרטן ...... יוסף וויינשטיין 19
פון משה רבינו ביז טהעאָדאָר הערצל (לכבוד ביאַליקס הונדערטסטן געבוירנטאָג)
דר. מאיר גערטנער 21
על ראש הראל — אויף ג־אָטס שפּיץ באַרג, אכן גם כי . . . — ווייל איר ווי רוצחים
חיים נחמן ביאַליק 22
שלום אַש — דער דיכטער. פון קאָצקער חסידות ...... י. ח. קלינגער 25
אַ צוואה פון אַ טאַטן (ליד) ...... ה. פּאַצאַנאָווסקי 22
וולאַדימיר מעדעם ...... סעם לעף 33
אונזער תושב מאיר צעלניקער ...... נעט רובין 37
מאיר צעלניקערס פינף און זיבעציק יעריקער יובל ...... אייזיק גאָלדבערג 39
דער שורש, לעצטע לידער, אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס א. נ. שטענצל 40
ווען יצחק יאַמראַזע זינגט זמירות ...... יעקב דזשערגאָווסקי 56
אַ האָדילעי אין מאַיאָרקאַ ...... אייזיק גאָלדבערג 57
זכרונות וועגן מיין פאָטער ...... אַליאָשאַ טאָלסטאָי 61
קעזענאָוו ראָד 1961 — בילד ...... א. ב. לעווי 64
לאָנדאָנער קולטור ידיעות 64
שלום־ליד, מוזיק מאיר באָגדאַנסקי, ווערטער א. נ. שטענצל ...... 67
ראש השנה באַגריסונגען, ניי־יאָר באַגריסונג פונם באָרד אָף דעפּיוטיס פּרעזידענט 68
די כותל (בילד) ...... חיה פרידמאַן 68

**יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, יעדן שבת 3 אַ זייגער**
**אין ברעדי קלוב אין העמבערי סטר 192 א.1 — איינטריט פריי.**

רעדאַקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס
אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר
מיר בעטן צו מערקן די נייע אַדרעס פון רעדאַקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,*
129-131 *Cavell Street, London, E.1.*